פרייז 25 גראָשען XVI-טער יאָהרגאַנג — Opłata pocztowa — uiszczona ryczałtem. „Radomer-Kielcer Leben“ 7 (757) היינט

ראַדאָמער-קעלצער לעבען

Ogłoszenie zapowiedzi ślubnych:

צום ערשטען מאהל

1. מרדכי שמואל גערטנער בן חיים יונה און חנה גיטל פון קאָזלאָווסקי, מיט איידל ברכה מאַלקעסמאַן בת ישראל משה און גיטל פון צוקערמאַן.

2. יהושע זילבערג בן נ. נ. אוןריידל גאָלדע זילבערג, מיט חנה ראָזענצווייג בת נ. נ. און אסתר ראָזענצווייג.

צום צווייטען מאהל

1. ישראל קערשבערג בן לייבוש און אסתר פון ווייסבאָרט מיט רוחמה שטערענבערג בת חיים יואל און דאָברע פון לענגא.

2. ירחמיאל שניידער בן ברוך און פערל פון האמערשטיין, מיט באַשא האַנדעלסמאַן בת יודל און ביילא פון גרובשטיין.

3. דוד שאָץ בן חיים הירש מיכלה הינדא פון טרוקענבערג, מיט חיה קופּערשמיט בת יחיאל און רחל פייגא פון צוקער.

4. אַברהם פרידלאַנד בן ישראל מאיר און רבקה רעכל פון קליגסבערג, מיט חיה שרה שפּייזמאַן בת יוסף מארקל און דבורה.

צום דריטען מאהל

1. הירשל ראָזענצווייג בן יצחק און מלכה פון ראָזענצווייג, מיט רויזא עיזמאַן וועל עיזענמאַן בת משה און פראנדל פון ראָזענפערל.

2. אלקנה בירענבוים בן אברהם ירמיה און חיה הינדא פון מאָרגען, מיט חנה בת יוסף חיים עפּשטיין און אסתר פון גליימאַן.

אבטיילונג פאַר **קעלץ** אויף זייט 8

Radom, dnia 17 Lutego 1939.
ראַדאָם, פרייטאָג כ״ח שבט תרצ״ט
טעלעפאָן פון רעדאַקציע **18 - 15**

אבטיילונג פאַר אסטראָוויעץ אפּאַטאָוו, וויערזשבניק
און סביבה אויף זייט 8

ד״ר מעד.
פון וויענער אוניווערסיטעט
ב. שרענצעל
ראדאם, זשעראמסקי 5
נעמט אָן
אין אינערליכע קראַנקהייטען
ספּעציאַליטעט: האַרץ
עלעקטראָקאַרדיאָגראַפיע

לחברנו
אברהם גולדברג
לרגלי נשואיו
עם בח״ל
גוציה לסלויא
שפע ברכות ואיחולים לבביים
שולחים:
אליעזר קארמאן, ודוד פרידמאן.

א הארציגען מזל-טוב
ווינשען מיר אונזער גוטען פריינד
ה׳ **זיסקינד לעסלאָו** און זיין **פרוי**
צו דער האָכצייט פון זייער ליבע טאָכטער
גוטשע מיט ה׳ **אברהם גאלדבערג**
די עלטערען פיעל נחת און דעם יונגען פּאָר
א גליקלעך צוזאַמענלעבען.
שאול זילבערבערג און **פרוי**

אָ האַרציגען מזל טוב און פיעל נחת
ווינשען מיר אונזער ליבען שעף
ה׳ **אהרן גאָלדבערג** און זיין געעהרטע **פרוי**
צו דער האָכצייט פון זייער ליבען זוהן
אברהם מיט פרל. **גוטשע לעסלאָו**
דעם יונגען פּאָר אָ גליקליך
און צופרידען צוזאַמענלעבען
דאָס פּערסאָנאַל.

מזל - טוב
אונזערע געשעצטע פריינד
ה׳ **אהרן גאלדבערג** און **פרוי**
צו דער האָכצייט פון זייער ליבען זוהן
אברהם מיט פר״ל **גוטשע לעסלאו**
דעם יונגען פּאָר א גליקליכע צוקונפט
און די עלטערען פיל נחת.
שמואל און **רוזשע זילבערשטיין**

אונזערע פריינד
אהרן גאלדבערג און **פרוי**
צו דער האָכצייט פון אייער ליבען זוהן
אברהם מיט פר״ל **גוטשע לעסלאו**
ווינשען מיר די עלטערען פיעל נחת
און דעם יונגען פּאָר פיעל גליק,
יעקב וויינגארט און **פרוי.**

די האַרציגסטע ברכות ווינשען מיר
אונזער געשעצטען ברודער, און שוואָגער
אהרן גאלדבערג
און זיין ליבע פרוי אונזער שוועגערין **סאלע**
צו דער חתונה פון זייער זוהן
אברהם מיט פרל **גוטשע לעסלאו**
דאָס גליק פון יונגען פּאָר
זאָל זיין דער נחת פון די עלטערען.
בעריש ווינדער און **פרוי.**

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פריינד
ה׳ **זיסקינד לעסלאו** און **פרוי**
צו דער האָכצייט פון זייער טאָכטער
גוטשע
מיט ה׳
אַברהם גאָלדבערג
גליק און צופרידענהייט דעם יונגען פּאָר
און נחת די עלטערען.
בעריש ווינדער און **פרוי**

מיר גראַטולירען הערצליך דער
פאַמיליע גאָלדבערג
צו דער האָכצייט פון זייער ליבען זוהן
אברהם מיט פרל: **גוטשע לעסלאו**
גליק און צופרידענהייט דעם יונגען פּאָר
און נחת די עלטערן.
פאמיליע פישמאן
(מאַלטשעווסקי 11)

נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ראדאָם.

זונטאג דעם 19 לוטי ה. י. א זייגער 4 נ. מ.
וועלען ארויסטרעטען מיט **רעפעראטען** אין זאַהל פון **טעאַטער** «ראַזמאַיטאָשטשי»
מגר. בעגין (וואַרשא) און **אינזש. וויגאַדסקי** (ארץ - ישראל)
א. ד. ט.
דער קאַמף פאַר ארץ-ישראל
איינגאַנג פריי.

סטאָליאַר-אנשטאלט
איך מאַך בעקאַנט, אַז איך נעם אָן אַלע פערשידענע אַרבייטען פון די נייעסטע, מאָדערנע מעבעל, ווי: סיפּיאַלניעס, עס-צימערן, א. ז. וו.
אַלץ ווערט אויסגעפיהרט לויט'ן בעסטען געשמאַק און קאָמפאָרט.
●
גוטע בעדינגונגען,
צוגענגליכע פרייזען.
קומט און איבערציגט אייך.
מיט אכטונג
יוסף פרידמאן
בערנאַרדינסקא 10

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נײַע גאַרדעראָבעס, שנײַ-ווײַסע פאָרהאַנגען,
גיעט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער
כעמישער פאַרבערײַ און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע
A. Hempel
Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje
Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11
ווער ס'האָט זיך גיט איבערצייגט זאָל פּרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שנעלער, עסטעטישער און פאַכמענישער ארבייט. ס'ווערט אויך געוואַשען אויף טריקען — ביליגע פרייזען! —פּינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאַנדלונג
● קומט און איבערצייגט אייך
◆ צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפּיצ. טעל 70 - 19
● פיליעס: **זשעראמסקי 1 טראוגוטטא 11**
זשעראמסקי 21, זשעראמסקי 59
ביליג צו וואַשען קאָפּעלושען

נישט בעשטעטיגט די אויסוואהל פון פרעזעס און אויך גע׳פסל׳ט זיין מאנדאט

ווי מיר הערען, זאָל די גמינע האָבען נעכטען ערהאַלטען א מעלדונג פון דער סטאַראָסטווע, אַז די אויסוואַהל פון ה׳ ביינישׁ קאמער אַלס פרעזעס פון דער גמינע-פערוואַלטונג ווערט נישט בעשטעטיגט. חוץ דעם איז בכלל זיין מאַנדאַט אלס געוועהלטער מיטגליד פון דער פערוואַלטונג גע׳פסל׳ט געוואָרען.

2 שידוכים אין אַ נאָהנט שטעדטעל זענען זיך צעגאַנגען צוליב רוזוועלט׳ס אַ בריעף

אין א נאָהנט שטעדטעל פון ראדאָמער אומגעגענד זענען צוויי יודישע מיידלעך, שוועסטער, שיעור נישט געוואָרען יונגע ווייבלעך, ווען נישט... פרעזידענט רוזוועלט.

וואָס פאַר א שייכות האָט דער אמעריקאַנישער פרעזידענט צו יודישע מיידלעך אין פוילן ווי קומט עס, אַז אָט דער וועלט-בעריהמטער רודף-שלום זאָל זיך אַריינמישען און צעשטערען דאָס גליק פון צוויי אָרימע יודישע מיידלעך אין אַ פויליש שטעדטעל.

די דערמאָנטע צוויי שוועסטער האָבען (יעדע האָט געשריבען בעזונדער) אוועקגעשיקט א בריעף אויף פראָסט מאַמע-לשון, צום פרעזידענט רוזוועלט, אַז ער זאָל רחמנות האָבען און אַרויסשיקען אַרויספאָדערונג׳ס-פּאַפּירען, אַז זיי זאָלען זיך קאָנען בעזעצען אין אַמעריקאַ.

אויף אַ תשובה האָבען די צוויי שוועסטער געוואַרט שעהנע עטליכע מאָנאַטען. סוף-כל-סוף האָבען זיי זיך דערוואַרט. אין אַ שענעם פרימאָרגען האָט זיי דער פּאָסט-טרעגער געבראַכט אַ בריעף פון אַמעריקאַ. פון סאַמאָראַדנעם פרעזידענט רוזוועלט.

איבערלייענען דעם אינהאַלט פון׳ם ענגלישען בריעף האָט קיינער אין שטעדטעל נישט געקענט. נאָר מ׳האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז דאָס איז אַן ערלויבעניש פון פרעזידענט רוזוועלט פאַר ביידע שוועסטער צו קומען קיין אמעריקאַ.

די סענסאַציע אין שטעדטעל איז געווען גרויס. איצט האָבען זיך פון אַלע זייטען גענומען שיטען בעלנים חתונה צו האָבען מיט די צוויי גליקליכע „אַמעריקאַנערינ׳ס". יעדער שטעטעלדיגער בחור האָט שטאַרק חשק געהאַט זיך מיטצוכאַפּען קיין אַמעריקאַ.

דער סוף איז געווען, אַז די בעגליקטע מיידלעך האָבען זיך פון דער חתנים קאָלעקציע אויסגעקליבען צוויי פיינע בחורים און ביידע שוועסטער האָבען מיט מזל תנאים געשריבען, אין דער האָפענונג בקרוב אָפּצופאָרען אין גאָלדענעם לאַנד.

דערווייל איז אונטערגעקומען דער זמן חתונה און דאָ האָט עפּעס פּאַסירט:

אין שטעדטעל איז אַראָפּגעקומען אַ וואַיאַזשאַר, וואָס קען אַ ביסעל רוזוועלט׳ס לשון. באַלד האָט מען איהם אויך אונטערגעטראָגען דעם בריעף. נישט וויסענדיג פון קיין חכמות האָט יענער נאָכ׳ן איבערלייענען ערקלערט, אַז דער ענטפער פון אַמעריקאַ לויטעט אַזוי:

„אין אַלע ענינים פון עמיגראַציע זאָל מען זיך ווענדען צום אַמעריקאַנער קאָנסולאַט אין וואַרשא, וואָס ערלעדיגט די זאַכען לויט די פערפליכטענדע פאָרשריפטען."

די כלה׳ס איז דערפון באַלד פינסטער געוואָרען אין די אויגען. אָבער די חתנים האָבען עס גענומען אויסטייטשען, אַז דאָס מיינט דערמיט דער פרעזידענט אַז די פּאַפּירען ערלעדיגט דער קאָנסול, אָבער אין פּרינציפּ איז פרעזידענט רוזוועלט צו זייער קומען מסכים. וואָרעם אויב נישט, צו וואָס האָט ער זיי געדאַרפט ענטפערען אַזש פון אַמעריקא און נאָך צולעגען אַ פּאָסט - מאַרקע דערצו!...

אָבער א צווייטער ענגלישער קענער פון ראדאָם האָט נאָכ׳ן בעקענען זיך מיט׳ן אינהאַלט פון׳ם בריעף, מיט גרויס מיטלייד מיטגעטיילט, אַז וועגען קיין רייזע-ערלויבענישען רעדט זיך בכלל נישט.

געהערט אַזאַ מעשה, האָבען ביידע חתנים פערשטרייקט. זיי ווילען אָפּלאָזען דעם שידוך. אויב נישט אַמעריקאַ זענען זיי מוחל דאָס חתונה האָבען.

די כלה - מיידלעך טענה׳ן, אָבער, אַז שידוך איז שידוך. און דערווייל פערשעלטען זיי דעם וואַיאַזשאַר, וואָס צוליב איהם איז זייער גליק צעשטערט געוואָרען...

דאנקזאגונג

א הערצליכען דאנק שיקען מיר איבער אויף דעם וועג דעם
ראדאָמער רעליעף און דעם ה׳ **משה ראַדאָמסקי**
פון ניו-יאָרק פאַר די **50 דאָלאַר** וואָס זיי האָבען געשיקט פאַר׳ן יודישען שפּיטאָל.
ס׳איז פאַר אונז א גרויסע סאטיספאַקציע דער פאַקט, וואָס עס לעבט אין זייער זכרון דאָס יודישע שפּיטאָל פון זייער אַלטער היים.

די דירעקציע פון יודישען שפּיטאָל
און ראַדאָם

דאנקזאגונג

דעם בעסטען דאַנק דריקען מיר אויס די **ראדאמער**
לאַנדסלייט און דעם ה׳ **משה ראדאמסקי** אין אַמעריקא
פאַר זייערע **50** דאַלאַר, וואָס דערמיט בעווייזען זיי, אַז זיי געדענקען צו שטיצען אונזער וויכטיגע אינסטיטוציע.

די פערוואלטונג פון לינת-הצדק
אין ראַדאָם.

דאנקזאגונג

אונזער הערצליכען דאַנק דריקען מיר אויס אונזער געעהרטען ראדאָמער לאַנדסמאַן ה׳ **משה ראַדאמסקי** אין ניו-יאָרק פאַר די געשיקטע **75** דאָלאַר פאַר אונזער אינסטיטוציע.
מיר בעטען תמיד צו געדענקען אין אונזערע אָרימע יתומים און זקנים.

מיט אכטונג און גרוס
די פערוואלטונג
פון בית-יתומים און מושב-זקנים אין ראדאם.

דאנקזאגונג

מיר דריקען אויס אַ הערצליכען דאַנק אונזערע ראדאָמער לאַנדסלייט און בפרט דעם ה׳ ראדאָמסקי פאַר זייערע 20 דאָלאַר פאַר אונזערע אינסטיטוציע.
מיר ווינשען זיי גליק און צוהערען פון אונז גוטע בשורות.

די פערוואלטונג פון **הכנסת אורחים** אין ראדאם.

דאַנקזאגונג

אין נאָמען פון ביידע תלמוד-תורות (וואָהל 28 און סקאַרישעווסקא 24) דריקען מיר אויס א הערצליכען דאַנק אונזערע ראדאָמער לאַנדסלייט און דעם ה׳ משה ראדאָמסקי פאַר די געשיקטע 30 דאָלאַר פאַר אונזערע אינסטיטוציעס
מיר בעטען תמיד אין אונז צו געדענקען.

די פערוואלטונגען פון **ביידע תלמוד-תירות** אין ראַדאָם

ראדאָמער „גדול" געפּאָהרען מקבל פנים זיין דאָבּאָשינסקי

ווי בעקאַנט איז א דאַנק די בעמיהונגען פון דעם ענדעקישען אדוואָקאַט סטיפּולקאָווסקי געלונגען צו בעקומען א געזונהייט׳ס אורלויב אויף 6 מאָנאַטען פאַר דאָבּאָשינסקי.

דאָבּאָשינסקי איז בעפרייט געוואָרען פון שיעדלעצער תפיסה פון וואַנען ער איז צוזאַמען מיט זיין אדוואָקאַט סטיפּולקאָווסקי אָבגעפאָהרען צום לעצטען קיין וואַרשאַ.

צום „קבלת פנים" פון דעם ענדעקישען „מערטירער" האָבען זיך פערזאַמעלט ביים אדוו. סטיפּולקאָווסקי אַ רייהע פריינד און בעקאַנטע ענדעקישע טהוער, וועלכע האָבען בעגריסט דאָבּאָשינסקי׳ן.

צו דעם „קבלת - פנים" פון דעם „מערטירער" איז אויך געפאָרען ספּעציעל קיין וואַרשאָ דער ראדאָמער ענדעקישער „גדול" אַדוו. גאַיעוויטש, וועלכער האָט דערמיט וויזט אויס געוואָלט ווייזען זיין איבערגעגעבענהייט צו זיינע „ליידענדע" גרויסע חברים.

אָר.

ŻĄDAJCIE TYLKO
„RIKSZA"
GUM..?
JEDWABNE

Państwu Zyskindostwu L e s l a u
z intencji zaślubin Ich córki
G u c i
z p.
Abramem Goldbergiem
najserdeczniejsze życzenia składają
Z. Ginzburgowie
Warszawa

א הערצליכען מזל - טוב די הערשאַפטען
זיסקינד לעסלאָו און **פאַמיליע**
צו דער האָכצייט פון זייער טאָכטער
ג ו ט ש ע
מיט ה׳
א ב ר ה ם ג א ל ד ב ע ר ג
דעם יונגען פאָר א הערליך און גליקליך צוזאַמענלעבען.
גענ. פערטרעטער פון דער פירמע „ל ע ס ל א ו עט ו ע ה נ ע"
ש. ה. אבּראַמאָוויטש
אויס צאַפאַט

Rodzinie Z. L e s l a u
z intencji zaślubin córki Ich
p. *Guci* z p. *Abramem Goldbergiem*
wiele szczęścia młodej parze i rodzicom pociechy
ż y c z ą
Londonowie

אַ הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר דעם ה׳
אַהרן גאָלדבערג און **פרוי**
צו דער האָכצייט פון זייער זוהן
א ב ר ה ם מיט פרל. **גוטשע לעסלאו**
דעם יונגען פּאָר גליק און צופרידענהייט
און די עלטערען פיל נחת.
צבי פויגעלמאַן און **פרוי**

בברכת מזל טוב
בשם „תינוקות של בית רבן" חנוכי התלמוד תורה הכללית בראדום
הננו מברכים את החברים של המוסד שלנו הנכבדים הנדיבים
מר אלכסנדר זיסקינד לעסלוי ומר אַהרן גולדברג
לרגלי נשואי **בניהם** היקרים שיחי׳
שיהי׳ למז״ט ולהצלחת עולמים
ועד התלמוד תורה הכללית ברדום

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר דעם ה׳ זיסקינד לעסלאָו און פרוי
און דעם ה׳ אהרן גאָלדבערג און פרוי צו דער האָכצייט פון
זייערע קינדער
נחת די עלטערען און אַ גליקליכע צוקונפט דעם יונגען פּאָר.
די פערוואַלטונג פון **הכנסת אורחים** אין ראדאָם.

דער יוד. אַגענטען און וואַיאַזשאָרען - פעראיין

אָרדענט איין דעם 25 ה. ח. אין לאָקאַל פון די אַלגעמיינע ציוניסטען (טראוגוטאַ 55)

א גרויסע טאַנץ - פערוויילונג

אונטער דער לייטונג פון די בערימטע באַלעט-מייסטער קאָל און צוקערמאַן
דער גאַנצער איינקונפט איז בעשטימט פאָר דער זעלבסט-הילפקאַסע פון פעראיין.
אַ סך אַטראַקציעס און סיורפּריזען.

צו די חתונות פון די חברים
גרשון דען מיט פרל. **שיינדעל טרוטענבערג**
ראפאל פעלדמאַן מיט פרל. **רייזעל פאָמעראַניעץ**
און **משה פייגאָווסקי** מיט פרל. **שרה שטאַרקמאַן**
ווינשען מיר אַ גליקליכע צוקונפט
דער מאַלער-צעך אין ראדאָם

מיר גראַטולירען הערצליך אונזער שוועסטער און שוואָגער
טאָבעלע און לייבּטשע האָכבּערג
צו דער פערלאָבונג פון זייער זוהן
יוסף מיט פרל **רייזעל שאפערשטיין** (סקאַרזשיסק)
מיר ווינשען דעם פערלאָבטען פּאָר׳ל גליק און צופרידענהייט.
משה ליבּהאבער און **פרוי**

Jesienią, zimą, wiosną czy latem, pij zawsze
Z DZWONKIEM HERBATĘ!

ד"ר נ. שענדעראָוויטש.

דער «אַרט» אין ראַדאָם.

דער פערלויף פון דער לעצטער אַלגעמיינער פערזאַמלונג אין דער געזעלשאַפט „אַרט", ווי אויך די אָבּרופען אין דער פּרעסע דיקטירען מיר אַלס לאַנג-יעהריגער פּרעזעס פון דער ראַדאָמער „אַרט"-אָבּטיילונג צו בּעלויכטען אויף אַ זאַכליכען אופן דעם וועזענטליכען מצב-הענין.

די אַרבּייט פון „אַרט" געהט אין צוויי ריכטונגען: 1) צו דערגענצען אין פאַך 2) אויסצובּילדען האַנדווערקער-קאַדרעס. אין פּרט פון פאַך-דערגענצונג ווערט די אַרבּייט נאָרמירט דורכ'ן סטאַטוט פון דער געזעלשאַפט „אַרט". וואָס שייך פאַך-אויסבּילדונג, איז די גאַנצע אַרבּייט אָבּהענגיג פון קוראַטאָריום און קען ווערען אויסגעפיהרט נאָר אין די ראַהמען פון די ערטיילטע קאָנצעסיעס. דאָס צופּאַסען זיך צו די בּעדינגונגען פון דער קאָנצעסיע ווי: דער עלטער פון די שילער, לאָקאַל, שול-איינריכטונג, שול-ריגאָר א. ז. וו. שאַפט אַזאַ סיטואַציע, אַז דער קורס, וואָס נעמט אַרום פון 10 ביז 15 שילערינ'ס קאָסט מאָנאַטליך בּערך 700 זל. אָבּער דערמיט איז די אויפגאַבּע נישט ערפילט ווייל די פּאַסיגסטע צייט צו ערלערנען אַ פאַך זענען די יאָהרען 15 — 18, אָבּער ליידער איז נישט ערלויבּט אָנצונעמען אויפ'ן קורס אין דעם דאַזיגען עלטער. ס'רוב קאַנדידאַטען אין עלטער פון 15 — 18 יאָהר געהט שוין אויף אַ טערמין, קלויבּט זיך שוין אויס אַ פאַך אַזוי, אַז פאַר'ן אַרט-קורס בּלייבּט וועניג קאַנדידאַטען און נאָר איינצעלנע פערמעגליכע האָבּען בּעזוכט דעם קורס.

צוויי יאָהר האָט די פערוואַלטונג פון היגען אַרט געזוכט אַ מעגליכקייט אויסצובּילדען די יוגענד אין עלטער פון 15 ביז 18 יאָהר. נאָך גרויסע מיה איז דער פערוואַלטונג געלונגען צו בּעקומען אַ קאָנצעסיע אויף אַנ'איינ-יאָהריגע פאַך-שול פון שניידעריי, וועש-נייעריי פאַר'ן דערמאָנטען יאָהר-עלטער. אָבּער אַט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַזאַ שולע איז אַבּסאָלוט נישט צוגעפּאַסט פאַר דער יודישער יוגענד, ווייל דער פּראָגראַם פון אַזאַ שולע זעהט פאָראויס חוץ דעם לימוד פון נייהען, אויך דעם לימוד פון דער פּוילישער שפּראַך, פון רעכענען, רעליגיע און גימנאַסטיק. און ועל כולם אַז מען ענדיגט די שול גיעט זי נישט די נויטיגע רעכט צו פאַך-זעלבּסטשטענדיגקייט.

דער בּודזשעט פון אַזאַ שול דאַרף בּעטרעפען בּערך טויזענד זל. אַ מאָנאַט

די איינציגע לעזונג פון אַט דער פראַגע וואָלט געווען אַ נאָרמאַלע דריי-יאָהריגע פאַך-שול (גימנאַזיום פאַר דאַמען, אָדער מענער-שניידעריי. אָדער אַ גימנאַזיע פאַר שלאָסעריי און סטאָלעריי) די רעאַליזאַציע פון אַזאַ שולע וואָלט פערלאַנגט אַ קאָלאָסאַלען סכום פון אַרבּייט און געלד. אָבּער די אַרט-צענטראַלע האָט בּפירוש ערקלערט אין איהר'ס אַ בּריעף, אַז אויף דעם צוועק קען זי קיין געלד נישט געבּען, רעקאָמענדירענדיג ווייטער צו פיהרען דעם קאָנצעסיאָנירטען ערגענצונג'ס-קורס פון דאַמען-שניידעריי, קינדער - קאָנפעקציע, אָדער גאָרסעטען-פאַך. איז אָבּער די צרה, וואָס צוליבּ דער עלטער-בּעגרעניצונג (18 יאָהר) איז די צאָהל שילערינ'ס אַ קליינע און אין רעזולטאַט פון דעם בּעקומט זיך אַ מאָנאַטליכער דעפיציט פון 4 ביז 5 הונדערט זלאָטעס. אמת טאַקע, אַז די אַרט-צענטראַלע ערטיילט בּכבודיק איר סובּווענץ, אָבּער זי שטעלט אויף אַ בּעדינג, אַז אַ טייל פון דעפיציט זאָל דעקען ראַדאָם. די צענטראַלע טענה'ס, אַז ראַדאָם בּרויך צונויפקלייבּען עטליכע טויזענד זל. פאַר דער ראַדאָמער אָבּטיילונג, ווייל די שטאָט איז נישט קיין אָרימע און אויך די יודישע קהלה און דער מאַגיסטראַט דאַרפען אינטערעסטיצען מיט געוויסע סובּסידיעס. די אָרטיגע פערוואַלטונג האָט נישט איינמאָל אינפאָרמירט די צענטראַלס אין וואַרשאַ, אַז אויף ראַדאָם איז זיך וועניג סומך צו זיין אין דער הינזיכט פון דעקען טיילווייז דעם דעפיציט פון בּודזשעט ערקלערענדיג, אַז די צענטראַלע זאָל דעצידירען אין דער פראַגע פון פאַך-דערגענצונג, אָדער פאַך - אויסבּילדונג. דערויף איז אָבּער נישט געקומען קיין קלאָרער ענטפער און ערשט די דעלעגאַטען, וואָס זענען געקומען אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג דעם פאָריגען שבּת-צו-נאַכט, האָבּען זיך איבּערצייגט אין די ריכטיגקייט פון אונזערע מאָטיוועען.

אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון «אַרט».

אין דער היגער געזעלשאַפט „אַרט" איז שבּת-צו-נאַכטס פאָרגעקומען אַנ' אַלגעמיינע פערזאַמלונג. עס זענען געקומען מיוחד צוויי פאָרשטעהער פון דער צענטראַלע אין וואַרשאַ: דער דירעקטאָר אינזש. יאַשונסקי און אינזש. בּוכוויץ.

אויפן טאָג-אָרדנונג איז געשטאַנען איין פּונקט: ליקווידאַציע, אָדער ווייטער פאָרטזעצען די „אַרט" - אַרבּייט אויפן ראַדאָמער בּאָדען. אַרום דעם פּונקט האָט זיך געפיהרט אַ ליידענשאַפטליכע דיסקוסיע, וועלכע האָט אויך געהאַט שטורמישע מאָמענטען.

פּרעזעס ד"ר שענדעראָוויטש, נאָכ'ן אָבּגעבּען אַ לענגערען בּעריכט וועגען דער טעטיגקייט פון היגען „אַרט", האָט בּעשולדיקט די צענטראַלע אין וואַרשאַ, אַז זי טהוט וועניג אום אויסצובּרייטערען די אַרבּייט פון איהר אָבּטיילונג אין ראַדאָם. ער שרייבּט כסדר צו איד בּריעף און אַלאַרמירט, אַז מען זאָל שאַפען מעגליכקייטען צו פּראָדוקטיווירען די יודישע יוגענד פון 15 ביז 18 יאָהר, ווייל דאָס איז דער יסוד פון „אַרט" און אַלע אַנדערע דערגענצונג'ס-קורסען פאַר בּעלי-מלאכות זענען — הגם אויך וויכטיג — אָבּער דאָך נעבּען-זאַכען. פון וואַרשאַ ענטפערט מען אָבּער, אַז מ'קאָן נישט און דאָס שטעלט אין אַ שווערע לאַגע דעם היגען „אַרט".

דירעקטאָר יאַשונסקי ערקלערט, אַז אַלץ וואָס די „אַרט"-צענטראַלע אין וואַרשאַ איז בּכח צוטוהן פאַר ראַדאָם, טהוט זי. זי איז אָבּער נישט אימשטאַנד אויסצובּויען אַ נעץ פון דריי-יעהריגע פאַך-שולען פאַר דער יוגענד פון 15 ביז 18 יאָהר, ווייל דאָס איז פערבּונדען מיט קאָלאָסאַלע אויסגאַבּען, צו וועלכע ראַדאָם וואָלט געמוזט בּייטראָגען אַנ'אַנזעהעוודיגען צושטייער. דיר. יאַשונסקי אין זיין אינטערעסאַנטען שעהן-געבּויטען רעפעראַט, איז געקומען צום אויספיהר, אַז דער היגער „אַרט" בּרויך זיך אַליין העלפען, און, צופּאַסענדיק זיך צו די אָרטיגע בּעדינגונגען, שאַפען אייגענע פּלענער פון ענטשפּרעכענדע פאַך קורסען.

אינזש. בּוכוויץ שלאָגט-פאָר, אַז דער היגער „אַרט" זאָל שאַפען פאַך-קאָמיסיעס מיט דער בּעטייליגונג פון פאַרשטעהער פון דער אָרטיגער פּראָדוקציע און מלאכה.

דער פּרעזעס פון שניידער-צעך אויף וויטאָלדאַ 10, ה' משה רובּינשטיין, פרעגט פאַרוואָס די הויפּט - געוויכט ווערט געלענקט אויפ'ן שניידער - פאַך און פאַרוואָס „אַרט" פיהרט נישט איין אַנדערע פאַכען. די שניידער-קורסען פערשאַפען קאָנקורענץ פאַר די ראַדאָמער שניידערס, וועלכע לעבּען איבּער אַזוי אויך אַ שווערען קריזיס. ער פרעגט די פאָרשטעהער פון דער צענטראַלע, צי וואָלט אויך „אַרט" איינגעאָרדענט קורסען אויף דאָקטוירים און אַדוואָקאַטען.

ה' יאַשינסקי ענטפערט איהם, אַז ס'געהט וועגען אינטערוואָקסענדען דור און דאָ קען נישט גענומען ווערען אין בּעטראַכט דער מאָטיוו פון קאָנקורענץ ווייל וועט מען בּלייבּען שטעהן, וועט מיט דער צייט דאָס פאַך אונטערגעהן צוליבּ די שוועריגקייטען, וועלכע קאָמפּליצירען זיך אַלץ מעהר.

עס האָבּען אויך גערעדט די ה"ה דיר. הורוויטש, רעד. גאָלדפאַרבּ, האָפמאַן, קעזמאַן און רעד. הערץ. דער לעצטער ווינדערט זיך פאַרוואָס די צענטראַלע פון „אַרט" אין וואַרשאַ. וועלכע דיספּאָנירט מיט העכער 50 אָבּטיילונגען, האָט נישט אויסגעאַרבּייט קיין קאָנקרעטע פּלענער, פון וועלכע די ראַדאָמער אָבּטיילונג זאָל קענען געניסען. ס'איז די זעלבּע זאַך וואָס מיט'ן צעקאָבּע, וואו ראַדאָם האָט ליגען אַ טייל פון מיליאָן-קאַמפּיין, אין דער גרויס פון 16000 זל. און בּיז'ן היינטיגען טאָג האָט מען נאָך אַלץ נישט געקענט אויסטראַכטען קיין פּלאַן אויף וואָסערען צוועק די 16 טויזענד זל. זאָלען פערוועגדעט ווערען אין ראַדאָם.

דער היגער „אַרט" טהוט דאָס וואָס ער איז בּיכולת. ער קען אָבּער נישט גלייכצייטיג טהון דריי עובדות: קעמפען מיט אויסערליכע שטערונגען, אויסגעפינען נייע פאַכען און קעמפען מיט די האַנדווערקער גופא, צי דאָס זענען פריזירער-מייסטער'ס צי שניידער-מייסטער'ס, אַז זיי זאָלען העלפען רעאַליזירען פערשידענע פאַך - קורסען פאַר'ן יונגערען דור.

גענויער וועגען דער פּרינציפּיעלער מיינונג'ס-פערשידענהייט צווישען היגען „אַרט" מיט די צענטראַל - פאָרשטעהער, ווערט בּעלויכטען אין ד"ר שענדעראַוויטש'ס אַרטיקעל, וואָס מיר בּרענגען אויף אַ פריהערדיג אָרט. די פערזאַמלונג האָט זיך אַרויסגעזאָגט געגען ליקווידירען די „אַרט"-אָבּטיילונג אין ראַדאָם.

עס איז אויסגעוועהלט געוואָרען אַ נייע פערוואַלטונג: ד"ר שענדעראָוויטש, אַבּרהם פינקעלשטיין, איגנאַץ גאָלדבּערג, צימעראַנט, ווינשטאַק און רעד. הערץ.

לויט'ן אָבּגעגעבּענעם בּעריכט, האָט דער בּודזשעט פון פאָריגען יאָהר 1938 בּעטראָפען 7879 זל. אויף דעם האָט די וואַרשאַווער „אַרט"-צענטראַלע געגעבּען 5298 און דאָס איבּריגע - 2581 האָט געדעקט ראַדאָם אין פאָלגענדע פאָרמען: שכר לימוד פון די שילערינ'ס 1646, פון מיטגליד'ס-אָבּצאָהל 501; אימפּרעזעס 432 —געלערענט האָבּען 11 שילערינ'ס דאָס פאַך פון דאַמען שניידעריי. יעצט הויבּט זיך אָן דער גאָרסעטען - קורס.

זאב זשאַבּאָטינסקי

אויף בּיידע פראָנטען

(מיין ווענדונג צום יודישען פאָלק)

צוגעשיקט דורכ'ן נצ"א אין ראַדאָם.

היינט ווענד איך זיך צו מיינע שותפים, די מעפּילים פון 15-יעהריגען כמעט איבּערמענשליכען רצון און גלויבּען מיט די ערנסטסטע ווערטער, וואָס זיי האָבּען בּיז היינט פון מיר געהערט.

15 יאָהר כסדר איז דאָס פאָלק געגאַנגען נאָך בּלינדע מדריכים, און היינט שטעהט עס אויף דער לעצטער שטופּע פון אָבּגרונד: היינט און ווייסט נישט וואָס אָנצוהויבּען. מיר אָבּער, די, וועלכע האָבּען אַלצדינג פאָראויסגעזעהן און וועגען אַלעם געוואָרענט, מיר ווייגען נישט, ווייל אַפילו אין דער איצטיגער כאַאָטישער פּאַניק ווייסען מיר און ווייזען מיר דעם וועג.

צוויי הויפּט-פראָנטען מוז מען היינט בּעזאָרגען: ערשטענ'ס — ארץ-ישראל; צווייטענ'ס — יענעם טייל גלות, וואו עס געפינט זיך דער צענטער פון אונזער פאָלקס-עלענד און דער צענטער פון אונזער פאָלקס-עלעקטריע — מזרח-אייראָפּאַ.

אין ארץ-ישראל שטעהען מיר ערב אַנ'אמת'ן קריג: נישט „קריג" אין זין פון רעטאָרישער מליצה, אַפילו נישט אין זין פון שלאָגען זיך מיט אַראַבּישע בּאַנדיטען, נאָר בּוכשטעבּליך אַ קריג. אויבּ מען וועט בּאמת פּרובּען צו פערוואַנדלען ארץ-ישראל אין אַ מלוכה פון אונזערע שונאים וועט די פיינדליכע רעגירונג מוזען מיט געוועהר און בּלוט עראָבּערען יעדעס ווינקעל און יעדע גאַס און יעדער קאָלאָניע און יעדען שטאָדט-פירטעל: פון ראש-פּינה און משמר-הירדן בּיז עקרון, פון זכרון יעקב בּיז אַלט-ירושלים.

ווען דאָס געשעהן, סאַ וועלען אומצעהליגע יודישע קינדער אָבּגעבּען זייער לעבּען פאַר ציונ'ס פרייהייט. אָבּער איהר אין גלות, איהר. וואָס וועט דערבּיי נישט זיין, איהר מוזט זיי געבּען דאָס געוועהר: איהר מוזט העלפען טויזענדטער מתנדבים אַדורכצושמוגלען זיך צו זייער הילף, כל-זמן עס איז נאָך דאָ צייט. איהר מוזט העלפען אָנצוגרייטען בּעצייטענס עסען און מעדיקאַמענטען. דאָס וועט אָבּקאָסטען אוצרות פון געלד; און מיר, די אָרעמע, מוזען דאָס געלד פערשאַפען.

אויפן צווייטען פראָנט אין אייראָפּאַ, מוז זיך איצט קאָנצענטרירען דער אַנדערער „קריג" — דער פּאָליטישע קריג, וואָס אָהן איהם, אָהן זיין אַקאָמפּאַניאַמענט און אָהן זיין אונטערשטיצונג, וועלען קרבּנות און אַלע גבורות פון אונזערע סאָלדאַטען אין ארץ - ישראל בּלייבּען אומזיסט. פון אַלע סכנות אונזערע וואָלט דאָס געווען די גרעסטע און שרעקליכסטע – אויבּ אין אַזאַ צייט, וואָלט אַט דער גלות געשוויגען: ווייל זיי זענען די ערשטע און די לעצטע טרעגער פון ציון-בּענקעניש, און ווען זיי שוויגען פנים אל פנים צו אַזעלכע געפאַהרען, הייסט דאָס, אַז דער ציון-פערלאַנג איז אַ ליגען.

דעריבּער האָט די ניי צ. אָ. אונטערגענומען בּעווייזען די מאַסען פון מזרח-אייראָפּעאישען גלות, ווי אַזוי מ'דאַרף געבּען דעם מאַקסימאַלען אויסדרוק און אָבּקלאַנג פון זייער פאָדערונג און זייער פּראָטעסט: דער ציון-סיים פון מזרח-אייראָפּאַ — דער רעטונג'ס-קאָנגרעס געוויילט פון מיליאָנען—צו רעדען אין נאָמען פון מיליאָנען. פון דער צאָהל וועלט-בּעטייליגטע וועט עס זיין אָבּהענגיג, ווי עס וועט אָבּשאַצען די וועלט יענע קעמפער אונזערע אויפ'ן פראָנט אין ארץ-ישראל: צי ווי אַ קהלה-אייגענטימער וואָס דאַגה'ט פאַר זיין אייגען קלייזעל, אָדער ווי קעמפער, וואָס קעמפען פאַר דער רעטונג פון אומגליקליכע מאַסען, וועלכע וואַרטען אין דרויסען.

אָבּער שאַפען אַ פערטרעטונג פון אומצעהליגע מאַסען מוז ווידער אָבּקאָסטען אוצרות פון געלד.

יעדענ'ס לעבּען און פערמעגען איז איהם טייער, אָבּער עס קומט אַמאָהל אַ צייט, ווען אפשר מאָרגען, אויבּ דאָס גרויסע אומגליק וועט טרעפען, וועט זיין פערמעגען זיך פערוואַנדלען אין מיסט און זיי לעבּען וועט זיין ווערטלאָז. אַלע פערשטעהען, אַז אין אַזאַ צייט לעבּען מיר היינט. בּלינד מוז מען זיין כדי היינט צו זשאַלעווען געלד אויף דער פאָלקס-בּעשטייערונג.

שותפים מיינע! גיט, גיט זאַפּאַרט, גיט אַ סך — אַ סך פון אייער רייכטום און נאָך מעהר פון אייער אָרימקייט; ווייל דאָס איז שטענדיג געווען און וועט שטענדיג בּלייבּען דער שטאָלץ פון אָרימאַן, וועמענס האַרץ איז רייכער און זיין האַנד איז בּרייטער ווי בּיי אַנ'עושר.

און נישט נאָר געבּען; גייט, גייט זאַמלען פון הויז-צו-הויז מיט'ן נאָמען תל-חי און מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנד. שעהמט זיך נישט. בּעטען איז נישט קיין שאַנדע; איבּערלאָזען אייערע שליחים אָהן הילף איז אַ שאַנדע.

פאַרוואָס איז נאָך נישט דאָ דער רענטגען-אַפּאַראַט אין ראַדאָמער שפּיטאַל — פרעגט אַמעריקאַ.

פון אונזער לאַנדסמאַן ה' משה ראַדאָמסקי האָבּען מיר דערהאַלטען פאָלגענדען בּריעף.

פריינער רעדאַקטאָר מאיר הערץ!

איך האָבּ אייער בּריעף ערהאַלטען און איך בּין געוועזען העכסט צופרידען פון אייך צו הערען. איך האָבּ אייך גלייך נישט געקענט ענטפערען. אָבּער ווייסט, אַז אין אַמעריקאַ זענען מיר פערנומען שטענדיג מיט בּיזנעס. איז נישט אייגענע, איז מיט פרעמדע.

איהר שרייבּט מיר, אַז די אינסטיטוציעס ראַנגלען זיך מיט זייער עגזיסטענץ און איהר קענט זיי גאָרנישט העלפען. איהר מעגט מיר זיכער גלויבּען, אַז מיר טוען דאָס בּעסטע וואָס מיר קענען. מיר האָבּען היינט אַרויסגעשיקט טעלעגראַפיש 300 דאָלאַר פאַר די אינסטיטוציעס. ס'איז אונז נישט גרינג אָנגעקומען דאָס געלד צו שאַפען.

פריינד הערץ. איך בּעט אייך שרייבּט מיר פאַרוואָס די רענטגען-מאַשין איז נאָך דאָ אין וואַרשאַ. פאַרוואָס נעמט אַזוי לאַנג? איהר ווייסט ווי שווער ס'איז אונז געווען די אַקציע אַדורכצופיהרען, עס איז מיר נישט אַנגענעהם צוזאָגען מיינע פריינט, אַז דער רענטגען איז נאָך נישט בּעזאָרגט. און געפינען זיך שוין נישט אין ראַדאָם מענשען מיט הערצער וואָס זאָלען עפּעס העלפען, נאָר מען וואַרט, אַז אַמעריקאַ זאָל אַלץ שיקען?

איך בּעט אייך, שרייבּט מיר די אורזאַך פאַרוואָס דער רענטגען-מאַשין איז נאָך נישט געבּראַכט געוואָרען קיין ראַדאָם. בּעפאָר מיין אָבּפאָהרען! פון ראַדאָם האָבּ איך אייך צוגעזאָגט, אַז איך וועל זעהן. אַז דאָס יודישע שפּיטאַל זאָל האָבּען אַ רענטגען.

וועגען דעם 15-ער קאָמיטעט וועט איהר בּעקומען פון מיר, פריינד הערץ, אין קורצען אַ ענטפער.

מיט בּעסטע גרוסען פאַר אייך
פון מיר אייער פריינד
משה ראַדאָמסקי
ניו-יאָרק דעם 2 פעבּרואַר 1939

קאַנדאָלענץ-דעפּעשע קיין רוים

האָט געשיקט דעם ראַבּינאַט צוליבּן טוידט פון פויפּסט.

דער ראַבּינאַט האָט געשיקט צום וואַטיקאַן קיין רוים אַ מיטגעפיל-דעפּעשע צוליבּן טויט פון פויפּסט.

אַזאַ עהנליכע דעפּעשע האָט דער ראַבּינאַט געשיקט צום נונציוש קיין וואַרשאַ.

בּיים יודישען שפּיטאַל ווערט געעפנט אַ גינעקאָלאָגישע אַבּטיילונג.

אויף אַ זיצונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין „קלוב סטאַוואָשיסקי" מיט'ן אַנטייל פון די פאָרשטעהערינס פון קימפּעטאָרען-פאַראיין, פרויען: דאַנציגער, טענענבּוים, פישמאַן, מאַנעלאַ און קאַדענטשיק מיט די ה"ה: דירעקטאָר קליינבּערגער, פּרעזעס דען, אלי טענענבּוים און סט. קוראָוועך — איז בּעשלאָסען געוואָרען — איינצואָרדנען אַ גינעקאָלאָגישע אָבּטיילונג בּיים יודישען שפּיטאַל פאַר אָרימע יודישע געווינערינס

שוין בּקרוב וועט צו דעם צוועק דורכגעפיהרט ווערען אַ געהעריגער רעמאָנט אין איינעם פון די געבּיידעס פון יודישען שפּיטאַל.

היינט זאָל שוין ווירקליך געעפנט ווערען די שוהל און די בּתי-מדרשים.

ווי מען אינפאָרמירט אונז, זאָלען אויף שבּת, שוין ווירקליך געעפענט ווערען די שוהל, די בּתי-מדרשים און די שולען.

פאַראַכטאָגען האָבּען מיר געשריבּען, אַז מאָנטאָג נאָך האָבּען געזאָלט געעפענט ווערען די שוהל און בּית-מדרשים. דאָס איז אָבּער נישט מקוים געוואָרען. אפשר וועט דאָס מאָהל יאָ פערווירקליכט ווערען.

מאיר הערץ.

מענדעל פיליצער געפינט אן אוצר.

פון דער סעריע «די פוילישע פאָוסטאניע»

II

— מען האט צו טהון מיט פערד, — האט זיך דער בעל-עגלה ווייטער געקלאגט פאר'ן רבי'ן, — טא וואס איז דאס וואונדער? איך האב אלץ פערגעסען און פערלוירען, נאר איין פונק פון רחמנות האט זיך נאך ביי מיר פערוואלגערט ערגיץ אין א הארץ-ווינקעלע. האב איך טאקע רחמנות אויף מיין אויסגעדארט פערדעל, ס'זאל שלעפען אליין אזא שווערע משא אויף אזא ווייטען וועג! —

אזוי האט מענדעל בעל-עגלה געטענה'ט, שמייסענדיג מיט דער בייטש איבער'ן רבינ'ס טיש.

— אויב אזוי, — טא קויף דיר נאך א פערד, — האט שוין דער רבי מסכים געווען. — ביזט טאקע גערעכט. „ורחמיו על כל מעשיו" שטעהט!

— איך האב דאך אבער נישט קיין געלד, רבי, — האט זיך מענדעל געזשאלעוועט.

— באָרג דיר ערגיץ אין שטעדטיל און קויף א פערד. וועסט בעצאהלען בתשואות-חן. כ'ווינש דיר א כשר'ע מציאה! נאר געדענק, נעם מיך צו כאטש פאר א דריטעל שותף!

מענדעל איז געשטאנען א פערגאפטער און נישט פערשטאנען, וואס דער רבי רעדט צו איהם. —

— קוקסט מיך אן, מענדעל, האז? איך רעד מאדנע דיבורים, טראכסטו זיך. כ'זעה אזוי, אבער איך רעד שוין גארנישט קרום. וועסט אלץ זעהן אליין. האב אמונה און פרעג נישט קיין קשיות נאר טהו, וואס איך הייס דיך, וועסטו זעהן, אז דו וועסט נישט חרטה האבען

— האט דער מאגלעניצער רב געזאגט מיט א שמייכעל.

מענדעל האט שוין גארנישט איבערגעפרעגט, איז אוועק צו א בעקאנטען אין שטעדטעל, זיך געבארגט ביי איהם א פאר רובעל, געקויפט א פערד און געלאזט זיך מיט'ן וואגען אהיים — דאסמאהל שוין אהן דעם מינדסטען פחד. אזוי שטארק האט ער געגלויבט אין זיין רבי'ן.

ווען ער איז אבגעפאהרען א פאר מייל העט-ווייט פון מאגלעניצע, האט ער זיך אריינגעפלאנטערט אין א געדיכטען קנויל פון מיליטער און הארמאטען. דער שאסיי איז געווען אזוי איבערגעפאקט פון פיס-געהער און רייטער'ס, אז מענדעל האט זיך מיט זיין פערד-און-וועגעלע נישט געקאנט קיין עצה-געבען. ער איז אריין אין מיטען „אבאז" און דער דישעל פון זיין וואגען איז אלעמאל אונטערגעשפרונגען אין דער הויך, זיך אנגעקלאפט אין א פוהר מיט ביקסען, און טיילמאל א שטויס-געטהון די זעלנער, וואס זענען געלעגען אויסגעשפרייט אויף זעק פראוויאנט. זיין פוהרעל איז אין איין רגע איבערגעיאגט געווארן פון א צווייטער מחנה רוסען. דער דישעל האט זיך פערפלאנטערט אין די רעדער פון א הארמאט און באלד ווידער פערפאהרען צווישען די הינטערשטע פיס פון א קאזאצקען פערד, וואס האט זיך אזש פערקייכט און א שפרונג-געטהון אין דער הויך, אויפשטעלענדיג זיך אויף די צוויי פאדערשטע פיס, ווי צום אנטלויפען. דער פערסאפעטער קאזאק, וואס איז געזעסען אויפ'ן וואטעל, האט א טראסק-אראבגעטהון און שיעור נישט צעבראכען האלז און-נאקען. דאן האט שוין מענדעל'ן קיין צרות נישט געפעהלט. די קאזאקען האבען זיך געלאזט מיט ווילדע קולות אויף איהם און זיינע צוויי פערדלעך, זיך א כאפ-געטהון צו די נאהייקעס און צעשלאגען מענדל'ען ביז בלוט. א צעבלוטיגטער איז מענדעל געפאהרען ווייטער. ער האט ארויסגעלאזט די לייצעס פון די הענד און אליין האט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער פוהר, זיך קורטשענדיג פון שרעק און יסורים. ער האט זיך ערשט איצט דערמאהנט, אז די קאזאקען זוכען איהם ארום פאר אלטע חטאים; האט ער טיף פערשטעקט דעם קאפ צווישען די קאסטענ'ס סחורה, מ'זאל איהם נישט ארויסזעהן, און דעם איבריגען טייל קערפער האט ער מפקיר געווען פאר די קאזאקישע נאהייקעס און באגנעטען. ער איז שוין בעשטאנען מ'זאל טהון מיט איהם, וואס מען וויל, אבי מען זאל איהם נישט פיהרען צו דער תליה...

ער איז געלעגען אין איין פחד און געפיהלט, ווי איבער'ן לייב גיסען זיך טייכען בלוט. יעדע רגע האט זיך זיין פוהרעל א הויב-געטהון און שיעור נישט צעשפרונגען געווארען. אויפ'ן שאסיי איז געווארען וואס-אמאהל ענגער און טומעלדיגער. ס'האבען געהאלטען אין איין אנלויפען מענגעס פוהרען מיט זעלנער, וואס האבען מענדעל'ס וועגעלע געשטופט און געווארפען אין אלע זייטען. היינט דאס געשריי, דאס געוואלד, די מהומה! מענדעל בעל-עגלה האט געמיינט, אז ער איז אריינגעפאלען אין גיהנום. יעדע מינוט האט איהם אנ'אנדערער דערלאנגט מיט א ראפניק, צי מיט א דראגג איבער'ן פוהרעל און טייוואלניש געשריגען: „הע, זשידאווסקאיא מארדא, ס'לעבען גיב-אהעק!

מענדעל, א פערקאפעטער טיף אין זיין וועגעלע, האט שוין געהאט אבגעזאגט ווידוי. איהם איז שוין נישט איינגעפאלען, אז ער זאל ארויס א לעבעדיגער פון דאנען. ער האט שוין אנגעהויבען מתרעם צו זיין און האבען פערדרוס אויפ'ן מאגלעניצער רבי'ן, וואס האט איהם געהייסען ווערען בעל-עגלה אבער באלד צוריקגעכאפט און זיך אליין שארף אויסגע'מוסר'ט פאר זיין אומריינער מחשבה. ער האט זיך געשטארקט מיט בטחון און אין זיין געדאנק האט ער דעם רבי'ן איבערגעבעטען. און אזוי פערזונקען אין מחשבות, דורכגענומען מיט דעם רבינ'ס ווערטער, האט ער נישט געפיהלט די וועהטאגען פון זיין צעקלאפטען לייב.

פלוצלינג האט ער אויפגעהערט צו הערען די געשרייען און די געוואלדען ער האט שוין נישט געפיהלט עמיצער זאל שטופען און שטויסען זיין פוהרעל. ער האט שוין ארויסגעשטעקט א שטיקעל קאפ און מיט איין אויג דערזעהן, אז ער געפונט זיך אויפ'ן פעלד, נישט אויפ'ן שאסיי. און זיי, זיינע פערד, ציהען אלץ ווייטער אויפ'ן פעלד ארויס.

דאס האבען די קאזאקען אליין אראבגעקערעוועט דאס פוהרעל פון געדיכטען וועג, מיינענדיג, אז דער זשיד איז שוין טויט, ווייל ער האט זיך דאך נישט אבגערופען און אפילו זיך נישט בעוועגט. אין מענדלע'ן איז איצט אריין א שטיק חיות. ער האט אויפגעהויבען די הענד צום רבונו של עולם און מיט א שבח והודיה, וואס ער האט איהם מציל געווען פון א זיכערען טויט. ער האט גענומען די לייצעס מיט דער בייטש אין די הענד און האט שנעל זיך געלאזט פאהרען איבער דער ברייט פון פעלד און פון דארט אריין טיף אין וואלד. פאהרענדיג אזוי, האט ער צווישען איין „וויא" און דעם צווייטען געבענשט גומל און געזאגט תהילים.

אז ער איז שוין געווען ווייט אבגעפאהרען, האט ער פלוצלינג דערהערט פון ווייטען א קול, וואס האט זיך געבעטען:

— גוטער מענש, לויף נישט, האלט זיך א רגע אויף! ראטעווע! האב רחמנות!

מענדעל האט, א פערציטערטער פון אומגעריכטען געשריי, גענומען נאך שנעלער לויפען מיט זיין וועגעלע. ער האט אליין נישט געוואוסט, וואו ער פאהרט, אזוי צעמישט איז ער געווארען. דאס בעטענדיגע קול איז איהם אבער נאכגעלאפען און ער איז שטעהן געבליבען. ער האט זיך א ווילע פערטראכט און צו זיך א זאג-געטהון: „נישט שעהן מענדעל, פון דיין זייט! א מענש רופט, בעט הילף, טאר מען זיך נישט אבזאגען, אפילו ווען מ'איז אליין אין א סכנה!"

האט ער א שמיץ-געטהון די פערד און איז אהין זארט, פונוואנען דאס געשריי האט זיך געטראגען. ער האט דארט אנגעטראפען א רוסישען גענעראל, וואס איז געלעגען נעבען אנ'איבערגעקערטען וואגען, אין וועלכען עס זענען געווען איינגעשפאנט דריי פערד נאשפיק, אבער זיי זענען אויך שוין געלעגען אויף דער ערד דורכגעשאסענע און דורכגעלעכערטע ווי א זיפ. דער גענעראל איז געווען אינגאנצען פערבלוטיגט און האט זיך געבעטען:

— יעווריי, ראטעווע מיך! איך וויל נאך זעהן מיין פרוי און קינדער. ביזט א פוילישער, האז אבער גלויב, אז איך האב גארנישט צו די פאוסטאנצעס. אז מען האט מיך געשיקט, האב איך דאך געמוזט געהן. האב נישט קיין פאראיבעל אויף מיר!

מענדעל האט שנעל אראבגעווארפען פון זיך די מלבושים, זיך אויסגעטהון ביז'ן העמד, דאס העמד אויף דער גיך אראבגעריסען פון זיך, צעריסען עס אויף שטיקלעך און געמאכט דערפון באנדאזשען. ער האט איינגעטונקט די באנדאזשען אין א דערבייאיגען טייכעל און ארומגעוויקעלט מיט זיי די בלוטיגע וואונדען אויפ'ן גענעראל'ס קערפער. יענער האט אבגעאטעמט און אויסגעקושט מענדל'ען ווי גרויס ער איז. דערנאך האט דער גענעראל געזאגט צו איהם:

— יעווריי, דו זעהסט? אט-א-דארט ליגט א קאסטען מיט געלד, נעהם עס דיר פאר דעם חסד, וואס דו האסט געטהון מיט מיר. איך ברויך עס נישט. זאל מיר גאט געבען דאס לעבען — פעהלט מיר נישט אין דערהיים קיין געלד און זילבער!

— איך וועל דיך אויפנעמען אויף מיין פוהרעל הערר גענעראל — האט מענדעל פארגעלעגט.

— ניין, א דאנק, די פאוסטאנצעס קאנען מיר טרעפען, וועלען זיי מיך און דיך אויפהענגען. איך פערלאנג פון דיר נאר איין זאך: אז דו וועסט טרעפען רוסיש מיליטער אויפ'ן וועג, — טא זאג זיי, אז איך ליג דא און זיי זאלען וואס שנעלער קומען; אהער צו מיר!

ווי נאר מענדעל האט ארויפגעלעגט דעם קאסטען מיט געלד אויף זיין וועגעלע, האבען זיך דערהערט פון ווייטען רוסישע זעלנער-געזאנגען, וואס האבען זיך אלץ מעהר דערנעהנטערט — און דער גענעראל האט מיט אלע כחות א געשריי-געטהון:

— יעווריי, אנטלויף שנעל, קאזאקען געהען! זיי קאנען דיר נאך שלעכטס טהון. שמייס די פערד און ווער פערשוואונדען!

מענדעל האט געפאלגט און אומר-ועושה, האט ער געפאטשט א גאלאפ. ס'האט געדויערט רגע'ס און מען האט שוין איהם און זיין וועגעלע פאר די אויגען נישט אנגעזעהן.

ער איז דעם גאנצען וועג ביז אהיים געפאהרען איבער פעלדער און וועלדער.

א טאג מיט א נאכט האט ער זיך געשלעפט, ביז ער האט דערזעהן זיין הייזעל ביי דער ברונע. געקומען איז ער פארטאג, ווען ס'איז געווען נאך פינסטערלעך. ווייב-און-קינד זענען פון די בעטען ארויסגעשפרונגען און פאר שמחה אזש זיך צעוויינט. מענדעל האט אינגאנצען געציטערט פון שרעק און קעלט. אין שטוב האט מען באלד פייער געמאכט און גוט אויסגעווארעמט דעם פיעקעליק. ווען מענדעל האט זיך אויסגעטהון און געוואלט ארויפקריכען אויפ'ן פיעקעליק זיך דערווארעמען, האבען ווייב און קינדער געפרעגט:

— טאטע, וואו האסטו דאס העמד?

— מענדל האט צוגעלעגט א פינגער צום מויל: ש-ש-שא! און האט שט'ל געפרעגט:

— די לאדענס זענען פערמאכט? די טיר איז פערשלאסען? קיין פרעמדער איז נישטא?

ווייב און קינדער האבען איהם אנגעקוקט מיט פער'חידוש'טע בליקען:

— טאטע. — זענען די קינדער צו איהם צוגעשטאנען, — אקעגען וואס פרעגסטו? וואס איז געשעהן? וואו האסטו דאס העמד?

— שרעקט אייך נישט, ענטפערט מיר נאר וואס איך האב אייך געפרעגט. —

דאס ווייב מיט די קינדער זענען געלאפען קוקען און געענטפערט:

— ס'איז אלץ ווי דו ווילסט. די לאדענס זענען פערמאכט, די טיר איז פערשלאסען און קיין פרעמדער איז נישטא!

דאן איז מענדעל צו צום קאסטען, איהם געעפענט און אין שטוב האט א בליאסק-געטהון פון געלד און בריליאנטען, וואס מען האט זיי דערנאך געצעהלט און געצעהלט, ביז א שטיק אויפן ווייסען טאג ארויס.

מ'האט דאס געלד מיט די בריליאנטען בעהאלטען אונטער די שעניקעס. מען האט אויך אונטערגעהויבען די פאדלאגע און דארט פערשטעקט א אוצר. ווען מען איז פארטיג געווארען מיט'ן בעהאלטען דעם קאסטען געלד, איז מענדל ערשט דאן ארויפגעקראכען אויפן פיעקעליק און גענומען דערצעהלען, וואס עס האט מיט אים פאסירט אין די פאר וואכען, וואס ער איז געווען אונטערוועגנס.

מענדעל, ליגענדיג אנ'אויסגעווייקטער אויפן אונטערגעהייצטען פיעקעליק, האט געגנוי איבערדערצעהלען פאר זיינע בני-בית אלע פאסירונגען, וואס האבען מיט איהם געטראפען. ער האט נישט בלויז דערצעהלט, נאר ממש נאך אמאל איבערגעלעבט מיט אלע זיינע אברים דאס אלץ וואס זיין מויל האט איצט ארויסגערעדט. ער האט געשילדערט דאס געיעג פון די קאזאקען, וועלכע האבען געשטאטעוועט אויף אים; ווי זיי האבען איהם שוין אט-אט געהאט אריינגעקריגען און ס'האט שוין געפעהלט א האר מ'זאל איהם ערגעץ אין א פינסטערען וואלד הענגען אויף א בוים; דערנאך — ווי ער איז אנגעקומען קיין מאגעלניצע מיט איין פערד, און — צום סוף — וואס דער מאגעלניצער רבי האט איהם געזאגט, דאן — די רייזע צוריק אהיים, וויפיל נסים ער האט געהאט, און גאר צום סוף — די אויסטערלישע געשיכטע מיט'ן רוסישען גענעראל און דעם קאסטען געלד.

ווען מענדעל האט געשילדערט דאס געיעג פון די קאזאקען אויפן וועג קיין מאגעלניצע און צוריק אהיים — האט ער אזש אינגאנצען געפיבערט. ער איז נאך געווען אונטערן איינדרוק פון די געשעהענישען, וועלכע זענען נאך געשטאנען פאר זיינע אויגען מיט זייער גאנצער גרויזאמקייט. ער האט ווי נישט געפיהלט, אז ער געפינט זיך שוין ביי זיך אינדערהיים ארומגערינגעלט פון פרוי און קינדער. ער האט זיי בשעת'ן דערצעהלען וועגען דער גרויסער סכנה פערגעסען צו זאגען, אז פאר דער גרויסער שרעק האט מען איהם בעלוינט מיט אן אוצר... דער וואלד האט נישט געוואלט אבטרעטען פון זיינע אויגען, ער האט געזעהן די קאזאקען, זייערע רונזה'דיגע, מיט בלוט-אנגעגאסענע פנים'ער, זייערע לאנגע שפיציגע פיקעס. ער האט אפילו געהערט דאס פראסקעריי פון די פאדקאוועס פון די ווילד-קאזאקישע פערד. מענדעל איז אלע ווילע אויפגעשפרונגען, ארומגעכאפט דעם פיעקעליק, איינגענורעט דאס פנים אין די שפענער האלץ, וואס זענען דארט געלעגען און געטרוקענט זיך, און פון דארט-אויסגעשריגען מיט א א פערשטיקט קול: שמע ישראל!"

דאס ווייב מיט די קינדער האבען אויפגעציטערט און טרעהרען זענען גערונען פון זייערע אויגען. לכתחילה האבען ווי געמיינט, אז דער כאטש איז משוגע געווארען פאר שרעק.

(ווייטער קומט)

מן המצר

מיר רופען צו דיר פון אונזער ענגקייט
וואוהין גאט, זאלען מיר אונזער טריט דען לענקען
אז יעדערער האט אונז צו באהאלטען מורא
אז מען ווייכט פון אונז, ווי מען ווייכט פון א מצורע.

עס זענען טויב פאר אונז ווי וועגט אלע אויערען
עס זענען צו פאר אונז אויף דער וועלט אלע טויערען;
קיין טיר וויל זיך נישט עפענען אונז אריינצולאזען
און אויך דו האסט אונז גאט אינמיטען וועג פארלאזען.

עס האבען זיך אויף אונז פלוצלינג געווארפען.
ווי אויף שפעטע-גייערס, צערייצטע דארפס-הינט.

עס לויערט דער שונא ווי א באהאלטענער לעמפערט
וואס הויערט אין וואלד א לאם צו פארשלינגען
און די וועלט, זי קוקט אויף אונזער אומקום, א טעמפע,
וואוהין זאלען מיר אהינגיין?! וואוהין זאלען מיר אהינגיין

מיר האבען זיך אין דער גרויסער נאכט פארלוירען
און שטייען קייגענאיבערן גורל;
אונזער סנה, וואס האט געברענט און דער וויסט, פארברענט ווערט,
מיר האבען גערופען צו דיר, און דו האסט אונז נישט געענטפערט.

פ. גארפינקעל.

פאַרנאַכט

(ווינטער פייזאַזש)

עס זעט דער הימעל איצטער אויס
וו'א רייך פון פאפיראסען
און די זון — א רויטע רויז
אין מערב זיך צעפלאסען.

די לופט איז קיהל — א נאדל דין
ס'באוועגט זיך ניט קיין צווייגעל;
שלאפען גייט די בלינדע הון
און רופט אויך מיט די פייגל.

פארלוירן האט די קרא דעם וואלד
און פליט דעם סערפ אנטקייגן;
א דינער רויך ווי א געשטאלט
הענגט דארט אויף די צווייגן.

דער שניי ווי פוך ליגט אויף דער ערד
א פור מיט אייז כ'זעה פירן;
א פארע שלאגט פון די פערד
ס'גיט די פראסט צו שפירן.

י. ב. שטריימאן.

א געוועהלטע פערוואַלטונג, אָדער א פּראָוויזאָריום?

וואָס שייך דעם איצטיגען מצב פון דער קהלה קורסירן צווייערליי קלאַנגען.

פאַראַן איש אומרים, וואָס זאָגט זיך אַרויס, אז אין די נאָהענסטע טעג זאָלן ווידער פאָרקומען וואַהלען פון אַ פּרעזעס און א וויצע־פּרעזעס אין דער גמינע־פערוואַלטונג. די, וואָס האַלטען אַזאַ קאָנצעפּציע פאַר וואַהרשיינלעך רופען אָן נעמען פון די וואָס וועלען געוועהלט ווערן אַלס פּרעזעס און וויצע־פּרעזעס. אויף די דאָזיגע אַמטען זאָלען איצט קאַנדידירען, לויט זיי, די ה"ה שמואל צוקער, משה רובינשטיין, יאָסל גראַדאָווטשיק, איטשעלע זילבערשטרום, האָכגלאָבער, קירשענבלאַט און שטייּנאָוויטש.

פערהאַן אויך אַ צווייטע יש־אומרים, וואָס שלאָגט־אָב די ערשטע קאָנצעפּציע און האַלט פאַר מעהר וואַהרשיינליך אַז די גמינע זאָל איבערנעמען אַ נייער פּראָוויזאָריום.

וועלכע פון די צוויי קלאַנגען איז מעהר קרוב לאמת — דאָס איז פאָרלויפיג נישט בעוויסט.

די לעצטע וואָרנונג

צום צווייטען מאָהל מאַכען מיר בעקאַנט די אָרימע יודישע געווינערינס, אַז אין זייער אייגענעם אינטערעס איז, אַז 4 וואָכען בעפאָר דעם געבורט זאָלען זיי זיך ווענדען צום קימפּעטאָרען פעראיין נאָך אַ קוויטעל צו אַנ'אַקושערקע (ווענדן זיך צו דער פּרעזעסין פרוי דאַנציגער פּילסודסקי 1)

צוליב דעם וואס די לעצטע צייט פּאַסירען פאַלען, וואָס די געווינערינס ווענדען זיך נישט צו אונז, נאָר נעמען זיך אַליין אַקושערקעס און שטעלען אונז פאַר אַ געשעהענעם פאַקט. זיי קומען דאַן צו אונז מיר זאָלען בעצאָהלען, וואָהרענען מיר נאַכמאָהל, אַז מעהר אַזעלכעס וועלען מיר נישט טאָלערירען. מיר וועלען נישט דערלאָזען אַזאַ כאַאָס און מעהר נישט האָנאָרירען קיין שום לוין פאַר די יעניגע אַקושערקעס, וואָס וועלען גערופען ווערען פון די געווינערינ'ס אָהן אונזער וויסען און אָהן אונזערע אַנווייזונגען.

מיר האָבען אונזערע אַקושערקעס, וועלכע די געווינערינ'ס קענען רופען אין נויטיגען פאַל, אָבער מיט דעם איינעם בעדינג, אַז 4 וואָכען פאַר'ן געבורט מוזען זיי זיך ווענדען צו אונז און אַרויסבעקומען פון אונז אַ קוויטעל צו וועלכע אַקושערקע.

אין אַנדערע פאַלען וועלען מיר קיין האָנאָראַר נישט בעצאָהלען. דאָס גיבען מיר צו וויסען אַזוי די געווינערינ'ס און אַזוי די אַקושערקעס.

גלייכצייטיג מעלדען מיר, אַז די הילף פון קימפּעטאָרען־פעראיין בעשטעהט אין ערטיילען אַנ'איינמאָהליגע געלד־שטיצע, וועש און אַנ'אומזיסטע אַקושערקע. אַנדערע מעדיצינישע הילף זענען מיר ליידער נישט אימשטאַנד צו ערטיילען.

די פערוואַלטונג פון קימפּעטאָרען־פעראיין
אין ראַדאָם

ווער איז דער שולדיגער?*)

(אַרום דעם נישט צושטאַנד געקומענעם שלום אין די האַנדוו.־רייען)

איך מוז פעסטשטעלען אַן אמת און נישט לייקענען קיין פאַקטען, אַז די האַנדווערקער־בעוועגונג, זייט איהר גרינדונג, האָט מיט זיך נישט פאָרגעשטעלט אין קיין שום צייט, אָדער בעשטימטען פעריאָד קיין הונדערט־פּראָצענטיגע האַרמאָנישע בעוועגונג — סיבות האָבען קיינמאָהל נישט געפעהלט. בעזונדער'ס האָט זיך דער אַנטאַגאָניזם געלאָזט בעמערקען צווישען די מעהר דיפערענצירטע האַנדווערקער, וועלכע האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געמיש פון פערשידענע סאָציאַל־נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אידעען און אַנשויאונגען אַזוי, אַז עס האָט שטענדיג געמוזט קומען צום אויסדרוק דער דיפערענצירונג'ס־פּראָצעס, וועלכער האָט נישט איינמאָהל געלאָזט פון זיך הערען אויף דער יודיש־געזעלשאַפטליכער גאַס מיט גאָר נישט איידעלע טענער. דאָס אַלץ איז נוגע דער אַלגעמיינער האַנדווערקער־בעוועגונג, וועלכע האָט קאָנצענטרירט אונטער איין דאַך מענשען פון פערשידענע ריכטונגען (ציוניסטען, פאָלקיסטען, און סאָציאַליסטען) און ביי פּאָליטישע אַקציעס צום ביישפּיעל ביי וואַלן האָט איטליכער געצויגען צו זיין אידעאָלאָגישען מקור.

אַנדערש זעהט אויס די לאַגע אין אונזער שטאָדט. צו קיין גרויסע אידעאָלאָגישע חלוקי־דעות איז אין די רייהען פון ראַדאָמער האַנדווערקער קיינמאָהל נישט געקומען; דאַגעגען האָבען זיך צעשפּילט די ליידענשאַפטען ביי נישט אידעאישע מאָמענטען, וועלכע האָבען אָבער אַריינגעבראַכט אַזאַ פּירוד־הלבבות אַז עס וועט מוזען אַפּלויפען אַ רייהע יאָהרען, וועלכע זאָלען אָט די אַלע צעשפּליטערונג'ס־וואונדען פערהיילען. גלייכצייטיג האָבען אַ טייל פיהרער פון אָט דער שפּאַלטונג'ס־אַרבייט געשטעלט העכער זייערע פּערזענליכע אַמביציע און קאַריערע, ווי די אינטערעסען פון כלל. און נישט געקוקט דערויף, איז דאָך געלונגען אין יאָהר 1936 צונויפצובריינגען די ברוגז'ע מחנה נאָך פיער יאָהר אָפּגעזונדערטקייט אונטער איין דאַך.

אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט אום זיך איבערצוצייגען, אַז די, וועלכע זענען אַנטלאָפען, ציהט צום שורש אין גאַס אַריין... ווייל די „פּליטים", נישט געצווינגענע, נאָך אויס געיעג נאָך מאַכט וועלכע האָפען זי אַגב געהאַט אין זייערע הענד — זענען געווען געשטראָפט מיט אַ קללה פון דער תוכחה פון ונסתם ואין רודף!

נאָר זאָלען פאַקטען רעדען: דער שניידער־צעך האָט נאָכ'ן שליסען דעם שלום, צוריק זיך אומגעקערט אין צענטראַלען האַנדווערקער־לאָקאַל רווינסקאַ 1. און וועהענדיג, אַז ער האָט נישט די גאַנצע השפּעה, און נאָך די קהלה־וואַהלען אין י. 1936, ווען די „פיהרער" פון שניידער־צעך ווערען צוגעדריקט צו דער וואַנד דורכ'ן פעררוואַט פון די האַנדווערקער־אינטערעסען, נישט דערלאָזענדיג, אַז איין האַנדווערקער־דאָזאָר זאָל אַריין אין דער קהלה־פערוו. — מאַכען די געזעלשאַפטליכע גענגסטער אַן אָנשטעל פון אַ קאָזאַק הנגזל, און פילענדיג דעמאָלס, אַז די הילפס־קאַסע וואָס איז געגרינדעט געוואָרען דורך ה' דיימאַנט פון אַמעריקאַ פאַר אַלע בעלי־מלאכות, געפונט זיך אין זייערע הענט — אַנטלויפען זיי און עפענען אַ אייגענעם לאָקאַל, מיט דער האָפנונג, אַז דער האַנדווערקער־פערבאַנד פון רווינסקאַ 1, וועט אַ ליאַדע טאָג פאַלען. אַרויסגעוויזען האָט זיך אַנדערש, אַז אַ גרויסע טייל שניידער איז נישט מיטגעגאַנגען מיט זיי און גראָדע האָט זיך רווינסקאַ 1 שעהן ענטוויקעלט, און די הערן, וועלכע שעמען זיך מיט די פעררייסטע שוסטער, זענען נעביך געבליבען אַליין, אַזוי אַז זייערע אייגענע שניידער בעזוכען נישט דעם לאָקאַל, ווייל עס איז פערבונדען מיט צו פיעל אויסגאַבען. (דער בופעט אייגענטימער ווינשט זיך נישט קיין „זיצערס". ער האָט גענוג געלד בעצאָהלט, מוז ער זעהען דאָס געלד אַרויסנעמען...)

און פּלוצים אומגעריכט שוין ווידער שלום. די שניידער'ס (לאַכט נישט) ווילען שלום. (אַ פּנים אַז היטלער איז פאַר די לייט אַ גוטער מוסטער) און עס האָבען זיך אָנגעהויבען אונטערהאַנדלונגען צווישען ביידע צדדים. אָבער שניידערישע „דיפּלאָמאַטען" האָבען פיינט צו מאַכען טאַנדייט. זיי מאַכען דעם אָנשטעל פון גאָט די נשמה־שולדיגע לעמעלען, און אין אמת'ן ווייסען זיי אַליין פאָרויס, אַז די אונטערהאַנדלונגען זענען נאָר זאַמד אין די אויגען די האַנדווערקער, וועלכע זענען געבליבען ענטוישט נאָך די צוזאָגען פון גאָלדענע גליקען, אַז עס וועט זיין אַן אייגענער לאָקאַל, וועט מען אויפטון הרים וגבעות. און די אונטערהאַנדלונגען ציהען זיך אַזוי לאַנג ביז... דער בופעט ווערט מיט מזל פאַרדונגען... און בכדי יוצא צו זיין פאַר די עטליכע צאָן־קדשים, וועלכע גלויבען נאָך אין זייער „שטאַנדהאַפטיגקייט" און „אויפריכטיגקייט" מאַכען זיי אַ פערזאַמלונג און ווייזען־אויף, אַז מען טאָר נישט שלום מאַכען מיט רווינסקאַ 1. די שניידער, הערענדיג די רייד האָבען געגאַפט פון ערשטוינונג, ווייל זיי האָבען זיך נישט אָריענטירט, אַז זייערע „פיהרער" האָבען שוין געהאַט מיט 2 וואָכען צוריק צוגעגרייט דעם באָדען פאַר אָט דעם געזעלשאַפטליכען שאַנטאַזש (וועגען וואָס ס'האָט געשריבען אַ שראַבער אַז דער שלום וועט נישט צושטאַנד קומען) און אויף דער זעלבער פערזאַמלונג קומען צו געהן די אייגענע „פיהרער" און זאָגען אַז אָפּמאַכען מוזען האָנאָרירט ווערען. און טאָמער איז דאָס נאָך ווייניג איבערצייגענד טרעט אַרויס דער שניידערישער „דיפּלאָמאַט" אָדער דיפּלאָמאַטישער שניידער און באַווייזט זיינע אַקראָבאַטישע קונצשטיק, און ערקלערט, אַז איבער די קעפּ פון די פיהרער וועט דער שלום געשלאָסען ווערן. אָט דאָס הייסט מאַקסימום חוצפּה און מינימום פעראַנטוואָרטליכקייט!

צום שבח פון דער האַנדווערקער מאַסע מוז געזאָגט ווערן, אַז קיינער נעמט שוין זייערע רייד נישט ערנסט. און די, וועלכע האָבען אַמאָל אין זיי געגלויבט זענען פון זיי אַוועק ענטוישטע.

אָט אַזוי זעהט אויס די אמת'ע זאַכלאַגע. די, וועלכע זינקען אין הפקרות זוכען אַלע מאָל אַ שולדיגן און אַ שעיר־לעזאזל פאַר זייערע אומגעלומפּערטע שטיק. און עס פרעגט זיך ווי לאַנג נאָך וועלען די אומגעבעטענע אוזורפּאַטאָרען רייטען אויפן רוקען פון דער אַזוי אויך גענוג שווער געטראָפענע האַנדווערקער־באַוועגונג פון פערשידענע גזרות און עקסטערמינאַציע פּראָיעקטן?

וועגען די אויפגאַבען פון דער האַנדווערקער־באַוועגונג אין איצטיגען מאָמענט — אַ צווייט מאָל.

בער זילבערשטרום.

---

*) מיר גיבען דעם מחבר די מעגליכקייט אַרויסצוזאָגען זיין מיינונג וועגען דעם שלום צווישען די האַנדווערקער. דאָס זעלבע האָט אויך די רעכט דער צווייטער צד. מיר פאַרלויפיג סאָלידאַריזירען זיך נישט מיט קיינעם און מיר נעמען דערווייל נישט אָן קיין שום שטעלונג צום גאַנצען ענין. רעד.

ווידער בעגייט די פּיקעטען־אַקציע אין שטאָדט

זיצונג אין קליינהענדלער־פערבאַנד בעשלאָסען צו שיקען אַ דעלעגאַציע צום סטאַראָסטאַ און צום שטאָדט־פּרעזידענט.

דער טאַטע אַ הויז־וועכטער פון אַ יודיש הויז און דער זוהן פּיקעטירט די יודישע געוועלבער איז זעלבען הויז.

היינטיגע וואָך האָבען זיך ווידער בעוויזען פּיקעטען אין שטאָדט. ביי אַ רייהע יודישע געשעפטען אויף זשעראָמסקי האָבען זיך אַוועקגעשטעלט די „בעקאַנטע" שומרים און נישט געלאָזט אַריינגיין קיין קריסטליכע קונים.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז מיטוואָך ביינאַכט אָבגעהאַלטען געוואָרען אַ זיצונג אין קליינהענדלער־פערבאַנד מיט'ן אָנטייל פון די יודישע סוחרים און עטליכע יודישע ראַטמענער.

ס'איז בעשלאָסען געוואָרען צו שיקען אַ דעלעגאַציע צום ה' סטאַראָסטאַ און צום שטאָדט־פּרעזידענט, אַז די פּיקעטען־אַקציע זאָל נישט ערלויבט ווערען.

ס'וועט זיין אינטערעסאַנט ביי דער געלעגענהייט צו ברענגען אַ פאַקט, וואָס ווערט איבערגעגעבען פון בעגלויבטע מענשען.

אויף פּאַשאַ גאַס נומ. 11 איז פאַראַן אַ יודיש הויז, וואָס בעזיצט אַ היבשען פראָנט מיט אַ גרעסערע צאָהל געוועלבער. פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז פערדינגען געוואָרען צו נישט יודישע סוחרים און נאָר עטליכע געוועלבער געהערען צו יודען. בשעת דער פּיקעטען־אַקציע די לעצטע וואָכען האָט דער זוהן פון סטרוש פון יענעם הויז, וועלכער איז אַ „מיטגליד" אין דער „פּיקעטען־געזעלשאַפט", זיך אַוועקגעשטעלט ביי די יודישע געוועלבער פון זעלבען יודישען הויז און גאַנץ פיין פּיקעטירט.

צווישען די יודישע איינוואָהנער פון יענער געגענד האָט דער דאָזיגער פאַקט אַרויסגערופען גרויס אויפרעגונג אויפ'ן יודישען הויז־אייגענטימער.

דער קליינהענדלער־פערבאַנד, וועלכער פעראינטערעסירט זיך מיט'ן ענין פּיקעטען און וויל געגענווירקען דער דאָזיגער פאַר יודען נישט גינסטיגער ערשיינונג, ברויך שיקען רופען אַזאַ יוד און פרעגען איהם:

1) צי איז אמת, וואָס מענשען זאָגען, אַז ער וויל נישט פערדינגען קיין געוועלבער יודישע סוחרים, וועלכע ווילען דאָרט איינאָרדנען זייערע געשעפטען, מחמת ס'איז נאָהנט צום גרויסען מאַרק־פּלאַץ אויף דער רייטשעל.

2) צי האָט ער רעאַגירט געגען זיין ס'טרוזש'ס זוהן, וועלכער האָט פּיקעטירט די פאַר יודישע געוועלבער, וואָס זענען נאָך געבליבען אין זיין הויז.

צי איז ער אַרויסגעטרעטען געגען זיין סטרוזש, וועלכער האָט פון איהם פּרנסה, וואָס זיין זוהן פּיקעטירט יודישע געשעפטען און וויל ביי זיי אַוועקנעמען די פּרנסה און דאָס נאָך ביי זיינע אייגענע לאָקאַטאָרען?

עטליכע טרויעריגע בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך פון אַ ראַדאָמער יודישען פּליט

X

איך בין געלעגען אין בערלינער שפּיטאָל אַ פאָר וואָכען. די גאַנצע צייט האָט זיך מיט מיר פעראינטערעסירט דער דאָקטאָר, וואָס האָט מיר איינגערוימט אין אויער, אַז ער איז גרעטאַס פאָטער.

ווען ער האָט מיר ענטפּלעקט דעם סוד, האָב איך זיך ווירקליך דערמאַנט, אַז דאָס איז ער. פאַר מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס לעצטע בילד אין מיין הויז, וואו ס'זענען געקומען שטורמיסטען און געוואָלט צווינגען גרעטאַ צו פערלאָזען מיין וואוינונג. די שטורמיסטען האָבען אונז אַלע אַרעסטירט און מיין יאָזעפ'ען געשמידט אין קייטען. גרעטאַ זעהענדיג אין וואָסערע פיינליכע לאַגע זי האָט אונז אַריינגעפיהרט דערמיט, וואָס זי האָט זיך אויסבעהאַלטען ביי אונז און נישט געוואָלט אָבטרעטען פון מיין זוהן יאָזעף'ן, אין וועלכען זי איז געווען שטערבליך פערליבט; גרעטאַ פון גרויס פערצווייפלונג, וואָס מען צווינגט איהר מיט געוואַלד צו שיידען זיך מיט יאָזעפ'ן און נאָך מעהר פון גרויס וועהטאָג און מיטלייד צו יאָזעפען, וואָס שטעהט פאַר איהר אַ געבונדענער — פון די אַלע צרות און ביטערנישען האָט זי אַריינגעשאָסען אין זיך. דאָס אַלץ האָט זיך ווידער אויפגעלעבט אין מיין זכרון. די ערינערונגען פון יענער טרויעריגער פּאַסירונג, זענען געגאַנגען נאָך ווייטער. קוקענדיג יעצט אויף מיין דאָקטאָר, האָב איך אין איהם דערזעהן דאָס זעלבע געשטאַלט פון יענעם דאָקטאָר, וואָס די שטורמיסטען האָבען אַרויסגערופען צו גרעטאַ, נאָכדעם ווי זי איז אַ בלוט־בעגאָסענע געפאַלען צו דער ערד פון די רעוואָלווער־קוילען וואָס זי האָט אין זיך אַריינגעציעלט.

דער אַרויסגערופענער דאָקטאָר איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי גרעטאַס פאָטער. צו איהם האָבען די שטורמיסטען דאָס אָנגעקלינגען און צוזאַמען מיט איהם אויך אַלאַרמירט די פּאָגאָטאָוויע. אַלץ שווימט מיר אַרויס פאַר די אויגען און איך זעה ווי ער, טאַקע ער, האָט גרעטאַ אַרויסגעטראָגען אויף די הענד פון מיין וואָהנונג. אַלע האָבען זיי דאַן אָנגענומען פאַר טויט. אפילו איהר אייגענער פאָטער, דער דאָקטאָר, האָט אַזוי געטראַכט און ער האָט געוויינט. יאָ יעצט ווערט מיר אַלץ קלאָר. עס שטימט. אָבער ווי אַזוי איז דאָס געשעהן, אַז מען זאָל מיך אַרויסנעמען פון קאָנצענטראַציע־לאַגער און מיך איבערפיהרען אין אַ שפּיטאָל און דערצו נאָך אין דעם שפּיטאָל וואו גרעטאַס פאָטער איז דער הויפּט־דאָקטאָר?

איך ווער פּשוט משוגע פון אַריינטראַכטען און אַריינקלערען צו געפונען אַ בעשייד צו אָט דעם מערקווירדיגען רעטעניש. איך וויל פרעגען דעם דאָקטאָר. אָבער איך וואָג נישט. איך האָב קיין מוטה. איך האָב מורא דאָס צוטוהן דער דאָקטאָר זאָל נישט ווערען אין כעס אויף מיר. ער האָט דאָך מיך געהייסען שווייגען.

איינמאָהל ווען איך בין געווען מיט'ן דאָקטאָר אויג אויף אויג, ווען ער האָט מיך נעהאָט אונטערזוכט און פעסטגעשטעלט אַ ראַדיקאַלע פערבעסערונג, האָט ער צו מיר אַ שמייכעל געטוהן און אַרומקוקענדיג זיך פון אַלע זייטען געזאָגט צו מיר, אַז איך האָב קוים געהערט.

— ווער זענט איהר? זענט איהר נישט יאָזעפ'ס פאָטער? אמת! איך בין גרעטאַסס פאָטער. אָבער שווייגט און פרעגט נישט מעהר —

איך האָב זיך נישט געקענט בעהערשען און בלויז געפרעגט:

— וואָס מאַכט גרעטאַ, לעבט זי? זאָגט מיר הערר דאָקטאָר, וואָס קומט דאָ פאָר? צי מאַכט מען מיך נישט געזונד, כדי מיך דערנאָך ווידער צו פּייניגען? איז עס אמת, אַז איך וועל פון דאַנען אַרויסגעהן אַ לעבעדיגער?

דער דאָקטאָר איז צו מיר צוגעגאַנגען שטיל, קוים אָנריהרענדיג מיט די שפּיצען פון זיינע פינגער די פּאַדלאָגע און געזאָגט צו מיר מיט אַ מילדען שמייכעל:

— גרעטאַ לעבט, זי איז געזונד. איהר וועט אַרויס פון דאַנען אַ געזונטער און אַ לעבעדיגער און איהר וועט זיך נאָך זעהן מיט אייער פרוי און קינדער. זייט רוהיג און דער עיקר שווייגט.

דער דאָקטאָר האָט מיר געוואָלט נאָך עפּעס זאָגען, אָבער דאָ האָט אַ קלונג געטוהן דער טעלעפאָן און דאָס געשפּרעך איז געוואָרען איבערגעריסען.

(פאָרטזעצונג קומט)

ראַדאָמער יודישע קהלה בעשטימט א ליטעראַטור-פּרעמיע פאַר אונזער מיטאַרבייטער גבריאל ווייסמאַן.

די יודישע קהלה אין ראַדאָם האָט בעשטימט א ליטעראַטור-סטיפּענדיע פאַר אונזער בן-עיר, דעם פאָלקלאָר-פאָרשער גבריאל ווייסמאַן.

די הויך פון דער סטיפּענדיע בעשטעהט פון 300 זל. וועלכע זענען בעשטימט אויף אַרויסצוגעבען זיין בוך: „ראַדאָמער פאָלקלאָר".

גבריאל ווייסמאַן איז שוין לאַנגע יאָהרען טעטיג אויפן געביעט פון פאָרשען און זאַמלען דעם יודישען פאָלקלאָר. ער איז בעטייליגט מכמה שנים מיט זיינע פאָלקלאָריסטישע און פילאָלאָגישע אַרבייטען אין א גאַנצע רייהע יודישע וויסענשאַפטליכע אויסגאַבעס אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

זינט דער ענטשטעהונג פון „יוואָ" אין ווילנא, איז גבריאל ווייסמאַן אַן אַקטיווער מיטהעלפער אין כמעט אַלע זיינע סעקציעס. און אַזוי אַרום פאַרטרעטען מיט וויכטיגע אַרבייטען אין די „יוואָ"-אויסגאַבעס.

חוץ פאָלקלאָר-וויסענשאַפט האָט גבריאל ווייסמאַן געגעבען א גרויסען צושטייער דער קינדער-ליטעראַטור. וועגען ביידע געביעטען פון זיין שאַפען, זענען געווען וואַרימע אָברופען און אָבשאַצונגען און פיעל יודישע צייטונגען און ליטעראַר׳ישע זשורנאַלען.

מיר נעמען נאָר דאָ אַרויס איין ציטאַט פון שריפטשטעלער יואל מאַסטבוים׳ס א רעצענזיע:

„גבריאל ווייסמאַן האט אויך אָנגעשריבען א רייה קינדער-מעשה׳לעך, וואָס זענען געדרוקט אין פאַרשידענע קינדער-זשורנאַלען. די דאָזיגע קינדער-מעשה׳לעך זענען מייסטערהאַפט אָנגעשריבען און פאַסען זיך צו צום גייסט פון דער קינדערישער נשמה. ווייסמאַנ׳ס קינדער-מעשה׳לעך זענען האַרציג, זענען געשריבען אין א פיינער, פאָלקסטימליכער שפּראַך און שטייען אויף א הויכען ניוואָ פון פּעדאַגאָגיק".

גאָר בעזונדערס איז כדאי צו דערמאָנען, אז ווייסמאַן אַרבייט מיט אין דער קינדער-אויסגאַבע, וואָס ווערט רעדאַגירט דורכן גרויסען געלעהרטען און בעריהמטען ליטעראַטור-קריטיקער שמואל ניגער אין ניו-יאָרק.

אין די „ליטעראַרישע בלעטער" זענען מיט איינִיגע יאָהר צוריק אָבגעדריקט געוואָרען פון גבריאל ווייסמאַן צוויי אינטערעסאַנטע פּראָיעקטען פאַר אַנקעטעס וועגען „ספר-פיהרען" און „דאָס שלח-מנות-שיקען ביי קינדער" וועלכע האָבען זיינער צייט אַרויסגעפען גרויס אָנזעהן.

ווי ווייט ווייסמאַנס פאָלקלאָר-אַרבייטן זענען באַקאַנט אין דער ברייטער וועלט, בעווייזט דער פאַקט, וואָס נאָך אין יאָהר 1930 האָט דער ירושלים׳ער אוניווערזיטעט זיך געוואָנדען צו איהם מיט א בקשה צוצושיקען זיינע אַרבייטען פאַר דער נאַציאָנאַל׳ער ביבליאָטעק פון דערמאָנטען אוניווערזיטעט, אויפן געביעט פון יוד. פאָלקלאָריסטיק.

ווייסמאַנס אַרבייטען זענען צעזייט און צעשפּרייט אין אומצאָהליגע אויסגאַבעס, וואָס ערשיינען אין ארבע פינות העולם און כדי זיי צונויפצוזאַמלען און אַרויסגעבען אין איין גאַנצעס, וואָלטען זיי פאַרנומען עטליכע גרויסע בענדער. דאָס איז אָבער ביים היינטיגען טאָג א זאַך פון אונמעגליכקייט און דעריבער איז ווערט צו בעגריסען דעם שענעם טהאַט פון דער ראַדאָמער קהלה, וועלכע האט מיט איהר סטיפּענדיע, דערמעגליכט ווייסמאַנען דאָס אַרויסגעבען כאָטש דעם טייל פאָלקלאָר, וואָס נעמט אַרום אונזער שטאָדט ראַדאָם.

די קעלצער יודישע קהלה איז אַזוי-אַרום נישט קיין יחיד במינה, מיט׳ן געבען א סטיפּענדיע פאַר איהר בן-עיר ש. בערלינסקי. עס בלייבט נאָר איצטער פאַר אַנדערע יודישע קהלות נאָכצוטוהן דעם ביישפּיעל פון ראַדאָם און קעלץ.

ביי דער געלעגענהייט איז אינטערעסאַנט איבערצוגעבען פאָלגענדע, כאַראַקטעריסטישען עפּיזאָד:

אין יאָהר 1931 האָט גבריאל ווייסמאַן זייענדיג דאַן פּרנס אין דער קהלה, געקעמפט פאַר א גערעכטע זאַך. דער קאַמף האָט איינמאָל אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען, אַז ס׳איז געקומען צו א געשלעג אין דער קהלה, בעת וועלכען מ׳האָט אויסגעהאַקט ווייסמאַנען א צאָהן. פון יענער שטורמישער זיצונג זענען געבליבען עדות בלוט-צייכענס אינם פּראָטאָקאָל-בוך.

מיטן בעשטימען די סטיפּענדיע פאַר ווייסמאַנען איז דער היינטיגער קהלה באַשערט געווען, ווייזט אויס, אויסצוקויפען דעם חטא, וואָס איז א מאָהל בעגאַנגען געוואָרען אין איהרע ווענט.

מיר גיבען דאָ איבער ווערטליך דעם טעקסט פון בריעף, וואָס די יוד. קהלה האָט צוגעשיקט דעם ה׳ ווייסמאַן:

צום ראַטמאַן פון היגען שטאָדט-ראַט

ה׳ גבריאל ווייסמאַן

חשוב׳ער פריינד!

אָפּשאַצענדיג אייערע ביז איצטיגע ערנסטע אַרבייטען אויפ׳ן געביט פון יודישע פאָלקלאָריסטיק און פילאָלאָגיע, און קענענדיג אויך אייערע לייסטונגען פאַר׳ן יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט אין ווילנא, האָט די יודישע קהלה-פערוואַלטונג אין ראַדאָם אויף איהר זיצונג פון 5 פעברואַר 1939 בעשטימט אַריינצושטעלען אין איהר בודזשעט אַן איינמאָהליגע סטיפּענדיע פאַר אייך אין דער הויך פון 300 גילדען.

מיט דער דאָזיגער סטיפּענדיע ווילען מיר דערמעגליכען דאָס אַרויסגעבען אייער בוך: „ראַדאָמער פאָלקלאָר" און אויך געבען א מעגליכקייט ווייטער פאָרטצוזעצען אייערע פאָרשונגען, וועלכע האָבען פאַר אונזער שטאָדט א גרויסע קולטור-היסטאָרישע בעדייטונג.

יודישע קהלה-פערוואַלטונג

אין ראַדאָם

פּרעזעס **מרדכי דען** פּערוו. מיטגליד **מאָטעל אייזמאַן** סעקר. **משה בלומאַן**

ראַדאָם, דעם 9 פעברואַר 1939 י.

• • •

די לעזער פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען" איז דער נאָמען גבריאל ווייסמאַן גוט בעקאַנט פון זיינע צאָהלרייכע אַרבייטען, וואָס בעווייזען זיך אָפט אין אונזער צייטונג. זיי וועלען דעריבער מיט גרויס צופרידענהייט אויפנעמען די ידיעה, אַז די ראַדאָמער יודישע קהלה האָט אונזער מיטאַרבייטער ווייסמאַן בעשאָנקען מיט א ליטעראַטור-פּרעמיע.

מיר פון אונזער זייט בעגריסען האַרציג אונזער מיטאַרבייטער און ווינשען איהם אַז דער אָנהויב פון אַרויסגעבען זיינע ווערק זאָל געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג.

ראַדאָמער קונסט-מאַלערין באַטייליגט אין דער וואַרשאווער בילדער-אויסשטעלונג.

אין וואַרשא קומט איצט פאָר אַן אַלגעמיינע בילדער-אויסשטעלונג. אין וועלכע עס באַטייליגען זיך די בעסטע יודישע קונסט-מאַלער און פּלאַסטיקער. אויף דער דאָזיגער אויסשטעלונג איז אויך באַטייליגט די ראַדאָמער קונסט-מאַלערין, ראָזאַליע גאַרפינקל מיט עטלעכע אינטערעסאַנטע עקספּאָנאַטען.

מיט א האַק האָט זי ערמאָרדעט איהר מאַן אין מיטען דער נאַכט.

פאַר׳ן היגען קרייז-געריכט איז געשטאַנען אַ פרוי, וועלכע איז געוואָרען בעשולדיגט אין דער׳הרג׳ענען איהר מאַן.

די פרוי הייסט יאַנינאַ וויעטשאָרעק. זי שטאַמט פון הונטער פשיטיק. מיט צוויי מאָנאַטען צוריק האָט זי אין מיטען דער נאַכט מיט א האַק ערמאָרדעט איהר מאַן, ווען ער איז געווען פאַרזונקען אין שלאָף.

פאַר׳ן געריכט האָט די 30-יעהריגע יאַנינאַ גענוי דערצעהלט פאַרוואָס זי האָט דאָס געטהון. זי האָט געשילדערט איהר טראַגיש צוזאַמענלעבען מיט איהר מאַן יאַן וויעטשאָרעק, וועלכער האָט איהר געפּייניגט צו געהן אַרבייטען און שנאָרען און דערנאָך געצווינגען זי זאָל איהם דאָס געלד אָוועקגעבען. אַליין האָט ער נישט געוואָלט אַרבייטען און זיך אַרומגעדרעהט לעדיג. זי איז פון איהם אַנטלאָפען קיין זוואָלין. ער איז איהר נאָך און אין זוואָלין האָט ער איהר געצווינגען צו פאָהרען מיט איהם קיין גאַרבאַטקע, כדי זי זאָל אַרומגעהן שנאָרען ביי די לעטניקעס.

אין דער צווישען-צייט האָט זי געבאָרען אַ קינד. דאָס איז נישט געווען צום האַרצען פון איהר מאַן, דעם אויסוואורף, וועלכער האָט געזעהען דערין א שטערונג אין איהר בעטלעריי. ער האָט דעריבער געהייסען פאַר׳סמ׳ען דאָס קינד. איהר מוטערליך געפיהל האָט פּראָטעסטירט געגען אַזאַ אכזריות און זי האָט זיך אַ קעגענגעשטעלט, נישט וועלענדיג אויספיהרען זיין בעפעהל. נישט קענענדיג זיך בעפרייען פון איהר פּייניגער, איז זי אַנטלאָפען נאַקעט און באָרוועס מיט׳ן קינד צוריק אין איהר היימישען דאָרף הינטער פשיטיק.

דער מאַן האָט אָבער נישט אויפגעהערט זי צו פערפאָלגען. ער איז געקומען אַהין און איהר שרעקליך געשלאָגען. פאַר יעדען פּרייז האָט ער געוואָלט אומברענגען דאָס ניי-געבוירענע קינד, ווייל יאַנינאַ, די פרוי זיינע, האָט נישט געוואָלט מיט אַ פּיצעל קינד געהן איבער די דערפער שנאָרען. ער האָט איהר פאַרשאַפט אַזוי פיעל צרות און יסורים, אַז פון גרויס פערצווייפלונג איז זי בעגאַנגען דעם שוידערליכען מאָרד אין יענער טראַגישער נאַכט.

דאָס געריכט האָט נעגלויבט די געשילדערטע מאַרטירערישע איבערלעבענישען פון דער פרוי יאַנינאַ וויעטשאָרעק און איהר פער׳משפּט אויף אַנדערטהאַלבען יאָהר.

די פער׳משפּט׳ע האָט געדאַנקט דעם געריכט פאַר׳ן רחמנות וואָס ער האָט איהר אַרויסגעוויזען.

מען דאַרף ניט זיין קיין דיפּלאָמאַט.

אין אַלגעמיין האָבען זיך אָנגענומען די ווערטלעך, אויפן געביט פון אייראָפּעאישע ענדערונגען „א שפּיל אויף א גרויסע סטאַווקע", „עס וואַקלט זיך דער גורל פון אייראָפּע" א. א. וו. דאָס יאָהר 1939 האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט א רייהע אינטענסיווע דיפּלאָמאַטישע רייזעס ווי צום ביישפּיל: פּרעמיער טשעמבערליין און מיניסטער האַליפאַקס אין רוים, מיניסטער קסאַקיי און כוואַלקאָווסקי אין בערלין, כראַביאַ ציאַנאָ אין ביאַלאָגראַד, מיניסטער ריבענטראָפּ אין וואַרשע. מיר וועלען נאָך צוגעבען צו דעם די רייזע פון פּרעמיער דעלאַדיע קיין טוניס. און די אַנטגילטיגע שלאַכטען אין שפּאַניע, כדי צו האָבען א קלאָר בילד פון דער פּאָליטישער לאַגע מיט וועלכע עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס יאָהר אין אייראָפּע.

די אַקטיווע באַטייליגונג פון דיפּלאָמאַטען איז געווען דער ציל צו פאַרמיידן דעם קאָשמאַר פון מלחמה, וועלכע עס האָט געהאָנגען אין די לופטען.

די בעפעלקערונג נעמט א פּאַסיווען אַנטייל, שטעלענדיג זיך די פראַגע, וואָס וועט זיין ווייטער?

אין דער צייט פון אַלע פאַראויסזאָגונגען, קען מען שטעלען א פּראָגנאָז אויף דעם נאָענסטען חודש: די אַלע וועלט-פּאַסירונגען וועלען ניט קענען אָפּרייסען די מענטשען פון דעם וואָס מען קען רואיק אָנרופען „א שפּיל אויף א גרויסע סטאַווקע". מען דאַרף ניט זיין קיין דיפּלאָמאַט, כדי אַנטייל צו נעמען אין די פּאַסירונגען, וועלכע וועלען אין פאַרלויף פון א פּאָר טעג פאַרנעמען דעם געדאַנק פון הונדערטער טויזענטער מענטשען. עס איז גענוג צו קויפען א צעטל צו דער 1-טער קלאַס פון דער 44-טער קלאַסען-לאָטעריע, כדי צו קענען אָבסערווירען גלייך מיט אַנדערע, ווי עס וועלען זיך וואַקלען די מזלות פון געווינסען אין אָנפאַנגענדען ציונג פון 23-טען פעברואַר ל. מ.

אפשר... פּאַרט... טאָמער... דאָך...

א מעשה מיט גרייזען, מיט פערטוישטע יוצרות, מיט האַצע-פּלאַצע, מיט א פערשטעלטען בער, מיט א פאַסטוך און טיט פּרעסטיזש.

VI

נאָכן פאַרקלאַפּען די טיר פון די שרייבערס, האָט געדראָט אַן ערנסטע סכנה פון נישט קענען אַרויסגעבען די צייטונג, ווייל ס׳איז נישט געווען מיט וואָס די צייטונג אויסצופילען. אָבער געראַטעוועט די סיטואַציע האָט דער מאַן פון דער שעף-רעדאַקטאָרעווע, דער בריוון-אָפּנעמער, וועלכער האָט געבראַכט א פּערסאָפּעטער א גאַנץ פּעקל בריוו פון דער פּראָווינץ און געטון אַזוי צו זאָגען: נישט געזאָרגט, ס׳איז דאָ סחורה אויף לכל-הפּחות צוויי וואָכען. כ׳האָב דאָ אַלע קליינע שטעטלעך פון אַרום ראַדאָם.

די שטימונג איז געוואָרען צוריק א האָפערדיגע און מען איז צוגעטרעטען צו דער אַרבעט.

אָבער דאָ האָבען ערשט די זעצערס דערזעען מיט וועמען זיי האָבען צו טון: אַנשטאָט זעצען און דרוקען, זענען זיי אָבער פערוואַנדעלט געוואָרען אין שרייבערס, רעדאַקטאָרען און אין קאָרעקטאָרס. זיי האָבען פּשוט נישט געוויסט וואָס פריער צו טון. אין אָנפאַנג האָבען זיי זיך געוואָלט באַהעלפען מיטן געהוצעטען זון פון דער שעף-רעדאַקטאָרעווע, אָבער דאָס איז נאָך פיל ערגער געווען, ווייל אַנשטאָט ער זאָל אויסבעסערען די שפּראַך, סטיליזירען די זאַצען און קאָרעגירען, האָט ער נאָך פאַרדרייט און פאַרפּלאָנטערט די זאַצען, פאַרטוישט די יוצרות און געהאַקט מיט גרייזען ווי אַ גוי, אַ שטייגער, רעדט יודיש. ווען די זעצערס האָבען דערזעהען די קאָרעקטע, איז זיי פינצטער געוואָרען פאַר די אויגען: אין זאַך מיטן צווייטען האָט זיך געבונדען ווי א דעקל צו א פייפער. ס׳איז פּשוט שווער געווען צו פאַרשטיין וואָס ער מיינט און וואָס ער וויל. די זעצערס האָבען זיך איינפאַך געהאַלטען ביי די זייטען פאַר געלעכטער. ווען זיי האָבען איהם אָנגעוויזען אויף זיין צעהרגעטען לשון און אויף די עפּ-האַרצישע גרייזען, האָט ער זיך געבעטען ביי זיי, אַז זיי זאָלען אים פּשעבאַטשען און ער זאָגט צו, אַז ער וועט זיך אויסלערנען: אַז מ׳קען א בער אויפלערנען טאַנצען, וועל יאָך דאָך מיך קענען אויסלערנען כאָטש א קאָרעקטע מאַכען.

האָבען די ז ע צ ע ר ס געהויבען מיט די אַקסלען און בלית ברירה געמוזט אַליין אויסבעסערען, איבערשרייבען, נאָך אַמאָל אויסזעצען די גאַנצע זייט און נאָכער ערשט — אַליין מאַכען די קאָרעקטע.

ס׳איז אָבער פאַר זיי פּשוט פיזיש נישט מעגליך געווען דאָס אַלץ אויסצופירען, האָבען זיי זיך גענומען בונטעווען: אויב אַזוי, אויב מיר זאָלען דאַרפען זיין רעדאַקטאָרען, קאָרעקטאָרען און זעצערס, טאָ וואָס זשע דאַרפן מיר אייך אַלע?

איז דער „גרעסטער רעדאַקטאָר פון דער גאַנצער וועלט" אַוועק צו זיין מאַמעשי מיט א גרויס געוויין, אַז די זעצערס לאַכען פון אים און ווילען אים נישט פאָלגען. האָט זי גענומען גלעטען און צערטלען איהר קינד און אַזוי געזאָגט צו זאָגען: קינד מיינס, נעם זיך נישט שטאַרק איבער. אויף צופּיקעניש זיי, וועסטו פאָרט זיין דער גרעסטער רעדאַקטאָר, אָבער דאָס מוז געדויערען. קראָקע איז אויך נישט מיט איינמאָהל אויפגעבויט געוואָרען. דערווייל מוזט דו זוכען א צווייטען. עפּעס קומט דאָך אַרויף צו אונז א יונגערמאַן, וועלכער דרייט זיך ביי אַזעלכע זאַכען, איז אפשר וועט ער עפּעס אַן עצה געבען?

האָט מען געשיקט נאָכן יונגערמאַן און געפרעגט: זאָג נאָר בחור, וואָס טוט מען אין אַזאַ און אַזאַ פאַל?

— יאַאַאַך, יאַאַך ווועעלללל ענק העלפּפּען... — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט און — געעצה׳ט צו נעמען האַק-און-פּאַק און פאָהרען מיט דער צייטונג קיין האַצע-פּלאַצע.

דא האט זיך דער גסבולדעווטער זוהן אויפגעשטעלט און אויסגערופען: יעצט מאמ׳ז, ווען קיינער וועט מיר נישט קוקען אין די שיסעל אריין, כ׳וועל האבען פרייע הענט און קיינער וועט שוין נישט פון מיר לאכען, וועל יאך מיר פארקאשערען די ארבעל און ווייזען וואס פאר א שרייבער יאך בין.

דערהערט דאס, האט די מאמעשי א שמייכעל געטהון און געענטפערט דעם זוהן איהרען, דעם „חכם" מיט א משל:

— געווען א מאהל א פאסטוך, וויער א כיטרער מענש, וועלכער האט נאר חשק געהאט צו פערעמד׳ס. האט ער אויף זיך ארויפגעצויגען א בערישע פעל און אזוי איז ער אנגעפאלען אויף א פרעמדער סטאדע שאף.

יענער פאסטוך, דערזעהענדיג א בער, איז ער אין גרויס בהלה אנטלאפען און איבערגעלאזען אויף הפקר זיינע שעפעלעך.

דער פערשטעלטער בער, האט דאס נאר אויסגעקוקט און צונע׳גנב׳עט עטליכע שאף.

אזוי האט עס זיך געציגען אהן א שיעור און אהן אן ערך. אזוי לאנג, ביז ער אליין האט שוין אנגעהויבען גלויבען אין זיך, אז... ער איז א בער... אזוי ווייט, אז איינמאהל, ווען ער האט זיך צעקריגט מיט׳ן ווייב זיינעם, האט ער אויף שנעל ארויפגעצויגען אויף זיך די בערישע פעל און אנגעהויבען סטראשען דעם ווייב זיינעם...

שטעהט דאס ווייב און שמייכעלט: דו לעקיש איינער, מילא, פרעמדע פאסטוכער און שעפעלעך קענסטו אפסטראשען, אבער איך ווייס דאך יא, אז אונטער די בערישע פעל געפינט זיך א פראסטער פאסטוך...

• • •

מיט דיר, קינד מיינ׳ס, איז אויך די זעלבע מעשה ווי מיט יענעם פאסטוך: מילא, פאר פרעמדע מענטשען קענסטו זיך ריהמען — אז דו ביסט א שרייבער, אבער יאך ווייס דאך יא, אז דו קענסט נישט אפילו קיין בריעף שרייבען צום פעטער נחמן קיין שידלאוויצע. איז וועמען גייסטו דא סטראשען מיט דיינע פארקאשערטע ארבעל. וואס מאכסטו זיך פאר א בער, אז דו ביסט אפילו קיין מייזעלע אויך נישט...

אויסגעהערט דעם משל מיט׳ן נמשל האט זיך אנגערופען דער יונגערמאן, דער

ווייל ער הייסט ווייספויגעל האָט ער געפּרובט צו פליהען.

דער פינאַל פון אָבגענאַרטען גט אין דער רעסטאָראַציע פון איטשע מאָטעל.

מיט עטליכע וואָכען צוריק האָבען מיר אין אונזער צייטונג געשריבען וועגען א סענסאַציאָנעלען גט.

די געשיכטע האָט זיך דאַן פאָרגעשטעלט אַזוי:

אין דער רעסטאָראַציע פון איטשע מאָטל ווייצמאַן אויף רווינסקא גאַס איז שפּעט אין אָווענט אריינגעקומען אַ יונג פּאָר־פאָלק עסען קאָלאַציע. נאָכן עסען האָט דער מאַן אויפגעפּאַקט דער פרוי'ס א פּעקעלע און דאָרט עפּעס אַריינגעלעגט. דערביי האָט ער אויסגערופען צו די אַנוועזענדע: זייט עדות, אַז איך האָב גע'גט מיין פרוי.

דער יונגערמאַן איז תיכף פערשוואונדען און ווען מ'האָט אויפגעפּאַקט דאָס פּעקעלע, אין וועלכען עס זענען געלעגען א פּאָר קאָלדרעס און בלומען פון חופּה־טאָג, האָט מען געפונען אַ גט.

די פרוי איז ארויף צום רב קעסטענבערג מיט א געוויין און דערציילט וועגען איהר אומגליק. נאָכן אויספאָרשן די זאַך, האָט דער רב גע'פּסל'ט דעם גט.

דאָס יונגע פּאָר־פאָלק איז ערשט בס"ה א קורצע צייט נאָך דער חתונה. די „גע'גטע" זלאַטע שוואַרצבערג פון פּיוסק, איז אינגאַנצען אַלט 19 יאָהר און ער דער מאַן מאיר מענדעל ווייספויגעל פון דרילטש איז אַלט 20 יאָהר.

כדי צו מאַכען אַ סוף צום גט־פּלאָנטער האָט הרב קעסטענבערג געשריבען צום פּאָר־פאָלק, זיי זאָלען קומען קיין ראַדאָם אויף א דין־תורה, וואָס ווערט דורך איהם בעשטימט אויף דעם פערגאַנגענעם זונטאָג. אָבער דאָ האָט דער גט ־ קאָמבינאַטאָר ווידער געמאַכט א קונץ. ער האָט ערקלערט זיין יאָ גע'גט'ער, נישט גע'גט'ער פרוי, אַז ער לעגט פאָר צו פאָהרען ערשט דינסטאָג, ווייל אין דעם טאָג דאַרף ער אָבנעמען אַ גרעסערע סומע געלד, פון וואָס ער וועט איהר קענען געבען אַ טייל אין פאַל פון א גט. און אויב—האָט ער ערקלערט, — אַז ער וועט דעם טאָג קיין געלד נישט אָבנעמען, איז עס אַ סימן, אַז מן השמים הייסט מען זיי געהן צוריק צוזאַמען וואָוינען.

די נאַאיווע יונגע פרוי האָט געגלויבט אין זיינע רייד און בעשטאַנען צו פאָהרען דינסטאָג, זעהענדיג אַליין אין דעם נאָך א סימן: „דינסטאָג איז אַ מזל'דיגע טאָג".

מאיר מענדעל ווייספויגעל איז אָבער ווייזט אויס דער אמת'ער פויגעל, האָט ער אַ מאַך געטוהן מיט די פליגלען און שוין איז ער געוועזען באַלד זונטאָג אין ראַדאָם ביים רב, מיינענדיק, אַז איינער אַליין וועט עס בעסער גיין...

האָט ער געהאַט אָבער א טעות, ווייל דער רב האָט נישט געוואָלט ערלעדיגען דעם ענין אָהן צווייטען צד.

ווען דאָס ווייב האָט זיך דערוויסט, אַז דער פויגעל איז אַוועקגעפלויגען, האָט זי געלאָזט שטעהן האָק און פּאַק און נאָך די זעלבע נאַכט אַוועק קיין ראַדאָם.

מאָנטאָג האָט זיך דאָס פּאָר־פאָלק געטראָפען ביים רב. ס'זענען אויך מיטגעקומען פּיוסקער, דרילדזשער און סתם ראַדאָמער נייגעריקע, וועלכע האָבען איבערגעפילט די שטובען, וועלענדיג זעהן דעם גט־ספּעקטאַקל.

אין גאַנג פון די גט־פערהאַנדלונגען זענען אַרויסגעשווימען אַזעלכע אינטימע מאָמענטען, אַז מ'האָט געמוזט אַרויסבעטען אַלע אַנוועזענדע און דער ווייטערדיגער המשך איז פאָרגעקומען ביי פערמאַכטע טהירען.

„אונטער פיער אויגען" האָט דער מאַן ערקלערט, אַז צוויי וואָכען נאָך דער חתונה איז זיין פרוי קראַנק געוואָרען. און, אַז מ'ווערט קראַנק — געהט מען דאָך צו א דאָקטאָר. האָט טאַקע דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז ס'איז א געזונטע קרענק — די יונגע פרוי איז שוין דריי חדשים אין אַנדערע אומשטענדען. דערהערט אַזאַ מעשה האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדערע עצה נאָר זי גט'ען מיט געוואַלד.

ווען מ'האָט דעם יונגענמאַן גענומען אונטער א קרייץ־פערהער און געפרעגט: אפשר געדענקסטו נישט? אפשר איז זי אין אַנדערע אומשטענדען צוליב דיר? פּרוב זיך דערמאָנען... האָט ער אָנגעהויבען צווייפלען, טראַכטען אַהין, טראַכטען אַהער, געמאַכט א מינע, ווי ער געדענקט יאָ, ווי ער געדענקט נישט און לסוף אַרויסגעשטאַמעלט: קען זיין, אפשר, דוכט זיך יאָ...

ווען מ'האָט געפרעגט די פרוי: היתכן? ווי אַזוי ערלויבט זיך אַ יודישע טאָכטער אויף אַזאַ זאַך פאַר דער חתונה? האָט זי געענטפערט פּשוט:

— אַליין בין איך געווען אַנ'אָרעם מיידעל, נישט געהאַט וואו זיך אַהינצוטהון און דאָ איז מיר אונטערגעקומען אַ יונגערמאַן פון אַ פיינער און רייכער היים, וועלכער האָט זיך מיר ערקלערט אין ליבע, צוגעזאָגט חתונה צו האָבען מיט מיר און צוגעזאָגט מיר גילדענע בערג. איך אַליין האָב איהם אויך ליב בעקומען, און, אַז ער האָט געוואָלט — בין איך בעשטאַנען. איך האָב איהם בעטראַכט פאַר מיין מאַן און נישט געוויסט אַז איך בעגעה אַ פערברעך.

איז וואָס? איהר ווילט אודאי וויסען מיט וואָס דער גט־סקאַנדאַל האָט זיך געענדיגט? וועלען מיר אייך זאָגען בקיצור, אַז ס'האָט זיך געענדיגט בכי טוב, ווי אַלע אַמעריקאַנער העפּי־ענד'ס: דאָס יונגע פּאָר־פאָלק האָט זיך איבערגעבעטען. דער מאַן איז געווען אַזוי צופרידען פון אויסגאַנג פון דער דין־תורה, אַז ער האָט אַרויסגענומען געלד און געזאָגט צום ווייב מיט א פערליבטע שטים:

— נאַ דיר מיין ווייבעל געלד אויף א גוטע קאָלאַציע, (שוין נישט ביי איטשע מאָטלען...) און קום אַ היים. —

ווי מיר זעהן האָט זיך די מעשה געענדיגט גאָר גוט. אָבער ווער ווייסט צי דעם דאָזיגען ה' ווייספויגעל וועט זיך ווידער נישט אמאָהל פערגלוסטען א פליה צו טהון קיין וואַרשאַ שרייבען א גט אויף א מעהר פּראַקטישען און ערפאָהרענעם אופן.

קאַראַול, יונגע פרוי!...

דוד'ל כעלעמערס זאָרג

ווער קען נישט דוד'לען? — דוכט זיך, נישט פערהאַן אַזעלכער!

ביים היינטיגן טאָג איז דוד'ל כעלעמער דער פּאָפּולערסטער און בעליבסטער שטאָדט ־ נאַר אין ראַדאָם.

דער צונאָמען: „דוד'ל כעלעמער" איז דאָפּעלט צוגעפּאַסט פאַר איהם: אי ער שטאַמט פון כעלעם און איז טאַקע יענער „חכם"...

אויסערליך זעהט דוד'ל אויס אַ שטילער, אַ מרה־שחורה'דיגער, וואָס געהט אין אַ זייט, טשעפּעט קיינעמען נישט. אָבער אינערליך שפּרודעלט פון איהם פיל פרייד און געזאַנג. מען דאַרף נאָר אָנסטרויען די פידעל און — זי נעמט שפּילען... מ'דאַרף נאָר דוד'לען אָנהענגען צוויי קובלעס אין ביידע הענד און שוין נעמט ער שפּרינגען ווי אַ צעבאַלעוועטער זשרעביאַק...

שעהן צו זעהען, ווי ער נעמט טייל־מאָל ביידע לעדיגע קובלעס אין איין האַנד אַריין און צעלאָזט זיך איבער דער גאַס, ווי אַ שפּרינגענדיגער הירש, מיט אַ פרייליכען זעלנער־מאַרש און די קובלעס באַמקען צו צום טאַקט: באַם... באַם...

די וועלט־מלחמה האָט ביי דוד'לען ווייזט אויס, געלאָזען טיפע שפּורען, ווייל ס'טרעפט נאָך היינט, אַז עס בעפאַלט איהם פּלוצלינג אַ פּחד, נעמט ער דאַן אין איין אָטעם מאָהלען מורא'דיגע מלחמה־בילדער, וואָס האָבען זיך, מיט איהם געטראָפען און נעמט אויף שנעל אויסרעכענען אַלע לענדער, וואָס האָבען געפיהרט מלחמה. אַזוי רעכענט ער אויס: רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך, פּאָניע פּשיטיק, אַנטווערפּען, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, טערקיי. פראַנקרייך, גאַנץ לובלין, פּאַריז, פּעטערבורג, מצרים, מאָסקווע, גאַנץ בולגאַריע מיט לאָדזש און סמבטיון מיט קיטיי.

מיידלעך האָט ער אויסערגעוועהנליך ליעב. פאַר זיי זינגט ער ספּעציעלע פּיקאַנטע לידלעך...

ווען חברה יונגוואַרג ווייזען איהם אָן אויף אַ שעהן מיידעל און פרעגען איהם אויף ליצנות:

— דוד'ל, וואָס וואָלסטו געטהון מיט דעם מיידעל?

— כ'וואָלט זי געטראָגען אויף די הענט און גיהאַלזט און גיקישט...

— און וואָס נאָך?

— טאָר נישט זאָגען... טאָר נישט זאָגען... הע... הע... הע... און דערביי שטשירעט ער אַרויס צוויי רייהען געזונטע ווייסע ציינער... און זיינע קויל־שוואַרצע שליפּיעס הויבען אָן פּינטלען...

מיט פּאָליטיק איז דוד'ל אויסגעקאָכט. ווען מ'פרעגט איהם:

— דוד'ל, ווער רעגירט אין דייטשלאַנד?

— געבעלס, געמזאָל, היטלער. האַקען צום טויט יודען.

— נישט אַלע מאָהל זעהט מען דוד'לען מיט צוויי קובלעס. אַז ס'געפעלט איהם, פערלייגט ער זיינע הענד אויף הינטען — אַזוי ווי מיר זעהען איהם אויפ'ן בילד — און שפּאַצירט זיך מיט פּאַמעליכע טריט, מחמת ברייטער בעל־הבית. אָבער זאָל איהם נאָר אַ מיידעל שיקען נאָך וואַסער — און ווער שמועסט נאָך: צוזאָגען איהם אַ סך... עסען — אַזוי איז ער גרייט אַפילו פון צייטונג אַראָפּצושפּרינגען און צו צעלאָזען זיך איבער'ן גאַס מיט אַ מאַרש און — די קובלעס וועלען צובאַמקען צום טאַקט: באַם... באַם... באַם...

אַזעלכער איז דוד'ל כעלעמער...

* * *

לעצטענס איז אָבער דוד'ל זייער פאַרזאָרגט: די סאַניטאַרע מאַכט האָט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טיפוס־עפּידעמיע, געשלאָסען די בתי־מדרשים און — זיך גענומען צו דער יודישער באָרד. ביידע זאַכען זענען פאַר דוד'לען פיל שווערער געווען ווי די צוויי קיבלעס וואַסער...

מילא, דאַווענען — יאַק דאַוונען: איז נישט אין בית ־ מדרש — איז אויפן בוידעם, אָדער אין אַ קאַמער; אָבער מיטן וואַסער־טראָגען איז שוין פיעל ערגער: באַלעבאָסטעס פאַרלאַנגען וואַסער; צו די ברונעמס מוז ער גיין און דאָ — האָט ער אַ באָרד! און נאָך וואָס פאַר א באָרד! דוד'ל וואָלט פאַר זיין שיינע פעך־שוואַרצע באָרד קיין זאַק מיט באָרשט נישט גענומען...

האָט מען לעצטענס געקענט באַמערקען ווי ראַפּטום זענען געבליבען שטיין אין סאַמע מיטן גאַס צוויי פולע קובלעס וואַסער און מ'האָט נישט געוויסט צו וועמען זיי געהערן. ערשט שפּעטער האָט מען זיך דערוויסט, אַז דאָס זענען דוד'לס קובלעס. וואָס איז? — דוד'ל האָט דערזעהן פונווייטענס אַ פּאָליציאַנט האָט ער אויס מורא פאַר זיין באָרד געלאָזט זיינע קיבלעס אויף הפקר און אַליין פאַרשווינדן אין א אַטויער...

האל

וועגען בלייבען אויף א יאהר — נישט געוועזען קיין רייד.

מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָבען מיר אין אַ בעריכט וועגען די שלום־אונטערהאַנדלונגען צווישן ביידע האַנדווערקער־אָרגאַניזאַציעס, געשריבען, אַז די הויפּט־שוועריגקייט בעשטעהט אין דעם איינעם פּונקט, וואָס הייסט: לאָקאַל פּראָגע. ביידע צדדים ווילען און שטרעבען צו אַ שלום, נאָר יעדער וויל, אַז זיין לאָקאַל זאָל בלייבען אויך אויף ווייטער אָפען און דאָרט זאָלען די פעראייניגטע האַנדווערקער האָבען זייער אָרגאַניזאַציע.

מיר האָבען דעמאָלט געשריבען, אַז אויך אין לאָקאַל־שטרייט לאָזט זיך בעמערקען אַ געוויסע נאָכגיביגקייט און ס'האַלט בלויז דערביי, וואָס דער האַנדווערקער־פעראיין אויף וויטאָלדאַ 10 זאָל אויף זיין פערלאַנג בלייבען נאָך אַ יאָהר אין זיין לאָקאַל.

די לעצטע אינפאָרמאַציע, נעמליך דער פּרט, אַז דער האַנדווערקער־פעראיין אויף וויטאָלדאַ 10 זאָל בלייבען אויף אַ יאָהר אין זיין לאָקאַל, האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר נישט ריכטיג, ווייל ווי מען מאַכט אונז אויפמערקזאַם איז וועגען דעם נישט גערעדט געוואָרען.

מיר בעסערען דאָס אויס למען השלום.

נישט צושטאַנד געקומען דער שידוך צווישען קאַטוילישען בלאָק מיט דער ענדעציע.

אין לאָקאַל פון דער היגער ענדעציע איז פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג, אויף וועלכער ס'זענען געווען אַנוועזענד דעלעגאַטען פון קאַטוילישען בלאָק. די פערזאַמלונג איז געווידמעט די וואַהלען צום קומענדיגען שטאָדטראַט. די בעראַטונגען האָבען זיך געצויגען עטליכע שעה ביז שפּעט אין דער נאַכט און צו קיין פערשטענדיגונג איז נישט געקומען. די ענדעציע וועט געהן מיט אַ בעזונדערע ליסטע.

דער קאַטוילישער בלאָק, וועלכער איז פעראייניגט מיט „אָזאָן" ווערט געשטיצט דורך דער ראַדאָמער קאַטוילישער גייסטליכקייט.

בעל־יועץ: שאט, דאס משל פאסט זיך דא זייער פיין אריין. אאאבעררר ס'איז דא צו דעם אאאך א מיטעל. האאאצע פלאצע מאכט שוין אלץ. מי דארף נאר שיקען געלט און האצע־פלאצע ; שיקט א פארטינע צאטינג.

נו, האט מען געשיקט געלט און האצע־פלאצע האט צוגעשיקט סחורה. און נאך וואס פאר א סחורה! אלץ האט מען דארט געטראפען: אינדיע, האנאלולו, סמבטיון, כינע, מצרים, גושן, שושן־הבירה און אפילו דאס לאנד וואו דער שווארצער פעפער וואקסט. נעבען אלץ און אלעמען איז דארט געווען אבער נישט — ראדאם. אין דער געאגראפיע פון דער האצע־פלאצערישער כראניק האט זיך ראדאם נישט געפונען.

איז געווארען דאס אמת'ע געלעכטער און ווער ס'האט גענומען די צאטינג אין האנד, האט שוין איינמאהל געהאט א טריאטער.

אין שטוב האבען זיך אנגעהויבען שיסען חזרה־צאטונגען, אזוי, אז מ'האט געדארפען ארויסרוקען די ווענט. קיינער האט די צאטונג נישט געוואלט אנקוקען און וועמען מ'האט מיט געוואלד אריינגעפאקט, האט נישט געוואלט בעצאהלען.

געזעהען. אז ס'האלט שלעכט, האט די מאמעשי גערופען א נאראדע פון דער גאנצער משפחה און דער טאטע איז ארויס מיט א געוואלד: ס'טייטש, גזלנים, רוצחים! היתכן? כ'וועל דאך פטר'ען ביי ענקערע נארישקייטען דאס גאנצע הויז! וועט'ס נאר וואס פארא משוגע געשעפט זיי האבען זיך אונטערגענומען. וואס מיר צאטינג, ווען מיר שמאטונג. וועלכע לצים האבען דאס אונטערגעפיהרט, ווער דארף דאס אויף כפרות - און דערביי האט ער געקלאפט אין טיש אריין: שוין זאל עס נעמען א סוף און אן עק!

דאסמאל האט די מאמאשי געהאלטען מיט'ן טאטעשי און געזאגט: אפשר טאקע? זעהסט דאך, אז פון אלע מיליאנען און מיליאסען לעזער'ס האט זיך אויפגעלאזט א טייך און מ'וועט מוזען טיי־ווי־סיי איינפאקען דאס געשעפט, נישט היינט איז מארגען, אונטערגיין מוז עס דאך. טא צוליב וואס זאל מען אויפהאלטען דאס גלות? וואס ס'האט צו זיין — זאל שוין זיין!

האט דער „קלוגער" זוהן זיך דערשראקען, געווארן בלאס ווי די וואנט, טרעהרען האבען זיך אים געשטעלט אין די אויגען און ער האט אויסגעכליפעט מיט א וויינענדיג קול: אמת טאקע, אז פון די צאטונג איז גארנישט דא, ס'אי טאקע נישט קיין געשעפט, אבער פרעסטיזש איז עס דאך! גוואלד ס'איז דאך פרעסטיזש און ווי קען מען פון פרעסטיזש אוועקגיין. באַדיי צולייגען אַ פּאַר זלאָטעס א וואָך, אָבי — פרעסטיזש!

דאָ האָט זיך אַ זייטיגער שטאַרק צעלאַכט און דערציילט אַזאַ מעשה:

א יונגערמאַן איז אַמאָל אַוועקגעפאָהרען פון זיין שטעטעל אין מרחקים און אַפזייענדיג דאָרט א היבש ביסעל יאָהרען, איז ער צוריקגעקומען אַ היים און געטראָפען זיין שטעטל איבערגעבויט אַזוי, אַז ער האָט נישט געטראָפען דעם אדרעס פון זיינע עלטערן. פרעגט ער ביי די דורכגייער: וואו וואוינט דער און דער?

די איינוואוינער, וועלכע האָבען אים נישט דערקענט, האָבען גענומען שיטען פעך און שוועבל אויף דעם, וועמען ער האָט געזוכט.

איינער האָט געזאָגט: וואָס? צו אַזאַ שייגעץ, צו אַזאַ באַנדיט ווילט איהר גיין? פע, א שאַנדע!

א צווייטער האָט געזאָגט: וואָס? צו אַזאַ ימח־שמוניק פרעגט איהר זיך? אויסגעריסען האָט ער געדאַרפט צו ווערען אין זיין מאַמעס בויך.

אַ דריטער האָט געזאָגט: וואָס? צו אַזאַ רויבער? צו אַזאַ הויט ־ שינדער? דאָס גאַנצע שטעטל וויינט דאָך אויף איהם. וויי, וויי צו וועמען איר גייט.

אַזוי האָט געזאָגט אַ פירטער, אַ צענטער, אַ צוואַנציגסטער און דאָס גאַנצע שטעטל.

דעם יונגענמאַן איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען און ער האָט זיך ווי עס איז דערפרעגט צו זיין טאַטען.

אַריינגעקומען אין שטוב, גיט מען זיך שלום־עליכם און דער טאַטע שיסט אויס מיט פרייד: האָסט געהערט זוהן מיינער, אַז איך בין געוואָרען אַ דאָזאָר?

— דאָזאָר יאַק דאָזאָר, אָבער פּרנסה האָסטו דערפון? — פרעגט דער זוהן

— ניין, פּרנסה האָב עך נישט

— וואָס דען?

— פּרעסטיזש! כבוד!

דאָ האָט שוין דער זוהן זיך מעהר נישט געקענט איינהאַלטען און זיך אָנגערופען צום פאָטער: גלייב מיר טאַטע, ווען דו הערסט וואָס מען רעדט הינטער די פּלייצעס דיינע, וואָלסטו שוין געוויסט וואָס פאַראַ כבוד און וואָס פאַראַ פּרעסטיזש דו האָסט. אָך און ווי צו אַזאַ פּרעסטיזש...

קונע לעמל.

פּ. ס.

דערמיט ווערט פערענדיגט די ערשטע סעריע.

וועגען פּלאַגיאַט, גראַפאָמאַניע, קריניצע, וועגען אַ וואָקזאַל און א דראָזשקע, וועגען א חתונה, ווי אַזוי יאַש האָט געצויגען פון פּלאַש און יאַנעק האָט געשפּילט אויפן אָרגאַנעק, וועגען נעקראָלאָגען פון מענטשען, וועלכע זענען שפּעטער אויפגעשטאַנען תחית־המתים. וועגען אַנאַנסען און גראַטולאַציעס, וועלכע זענען געדריקט אָהן וויסען און געגען ווילען פון די בעטרעפענדע פערזאָנען. און וועגען נאָך פיעל אַנדערע גוטע זאַכען — אין דער צווייטער סעריע, וועלכע וועט זיך ליינען מיט גרויס שפּאַנונג.

ווער האָט געגעבן פאַר די
ווינטער-הילף

100 זל. האָט געגעבן קראָמאַלאָווסקי
50 זל. פירמע ראָטענבערג.
20 זל. זיסקינד לעסלאַו.
פירמע „גליניצע“ 15 זל.
10 זל. האָבען געגעבן: יוסף גרין, מינצבערג.
5 זל. האָט געגעבן וולאַדיסלאַוו סאַניצקי.

אויף דער יודישער עולם גרייט זיך

אויף איבערמאָרגען זונטאָג 7 אָווענד ווערט גערופען אַ פערזאַמלונג אין לאָקאַל פון דער יודישע גמינע וועגען די שטאָדט-ראַט וואַהלען.

אויף דער פערזאַמלונג, וועלכע עס רופט לאַווניק משה ראָטענבערג, זענען איינגעלאַדען די יודישע ראַטמענער, פאַרשטעהער פון פערשידענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס און אויך אַ רייהע יודישע פאַבריקאַנטען.

ווייזט אויס, אַז דער יודישער עולם הויבט זיך אָן גרייטען צו די וואַהלען און הויבט אָן טראַכטען וועגען אַ פעראייניגטען בלאָק.

דאַנק-בריעף פון צוויזמי-רער ביסקופּ
צו דער יודישער קהלה און ראַבינאַט

אויף דער קאָנדאָלענץ-דעפּעשע, וואָס די יודישע גמינע און הרב קעסטענבערג האָבען געשיקט אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן טויט פון פּויפּסט, צום צויזמערער ביסקופּ יאַן לאָרעק, האָט הרב קעסטענבערג דערהאַלטען אַ בריעף פון דער צויזמערער דיעצעזיע, אין וועלכען דער ביסקופּ לאָרעק דאַנקט דעם רב און די יודישע קהלה פאַרן אויסדריקען מיטגעפיהל.

דער דאַנק-בריעף פון ביסקופּ איז געשריבען אין אַ זעהר פריינדליכען טאָן.

פון קליינהענדל.-פערבאַנד

מיר טיילן מיט אַלע פעראינטערעסירטע סוחרים דאָס דעם 1 מערץ ענדיגט זיך דער טערמין פון אָפּגעבען זעזנאַניעס פון אומזאַץ און הכנסה-שטייער.

פאַר עובר זיין אויף דעם אויבענדערמאָנטען דראָהט אַ שטראָף לויט דעם אַרט. 185 פון דער שטייער-אָרדינאַציע.

מחויב אָפּצוגעבען זעזנאַניעס פון אומזאַץ-שטייער זענען אַלע אונטערנעמונגען, וועלכע קוואַליפיצירען זיך צו 2-טע קאַט. (ד. ה. אפילו 3-טע הנחה-פּאַטענטען).

עס ליגט דעריבער אין אינטערעס פון די סוחרים צו צופּאַסען זיך צו דעם אויבענדערמאָנטען טערמין.

200 האַנטוכער און 700 שטיקלעך זייף.

עהערנעכטען מיטוואָך האָט „טאָז“ פונאַנדערגעטיילט צווישען דער אָרעמער בעפעלקערונג 200 האַנטיכער און 700 שטיקלעך זייף.

ס'איז אַ זעהר שענער טהאַט פון „טאָז“, בפרט אין יעצטיגען מאָמענט. ווען די אָרימע שטובען ברויכען געהאַלטען ווערען ריין. ס'וואָלט זעהר גוט געווען, ווען דער „טאָז“ זאָל אָפּטער טיילען אַזעלכע עלעמענטאַרע זאַכען פאַר דער אָרימער בעפעלקערונג.

פון וואַיאַזשאָרען פעראיין

אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון די יודישע וואַיאַזשאָרען און אַגענטען, איז נאָכן אָבגעבען אַ בעריכט פון דער טעטיגקייט, אויסגעוועהלט געוואָרן אַ נייע פערוואַלטונג, אין וועלכער עס זענען אריין די ה"ה: ל. וואָידזשיסלאַווסקי (פּרעזעס) מ. פרידמאַן (וויצע פּרעזעס), מ. זיידענשניידער (סעקרעטאַר) א. ווינערט (קאַסירער). ל. זילבער, מ. ניידיק, גראָספעלד.

KINO APOLLO

ביז זונטאָג איינשליסליך
דער בעסטער פילם
לויט די דערצעהלונג פון מאַרק טוואַין
Przygody Tomka Sawayera
אין די הויפּט-ראָל:
טאַממי קעללי
אַ פילם ווי הומאָר, סענטימענט, טרעהרען גיסען זיך צונויף אין איין מיטרייסענדע גאַנצקייט.
איבערן פּראָגראַם וואָך-צוגאַבען

גרויסער פריהמאָרגען פּראָגראַם
שבת 1, 3, און זונטאָג 1^{30} 12 און
אַ זעהר שענער פילם
KONFLIKT
Od Poniedziałku
אַ פערדאָפּעלטער פּראָגראַם
פראַנצויזישע פּראָדוקציעס
1. HOTEL DE NORD
2. Wesoły ordynans

KINO APOLLO

ווילט איהר בעהערשען דעם קריזיס?
איילט שנעל און קויפט אַ לאָס אין דער בעוויסטער לאַנגיעהריגער קאָלעקטור
איטשע מאיר סעמיאַטיטש
ראַדאָם, רווינסקאַ 25
וואו עס זענען ביז היינט שוין געפאַלען:
100.000 זל. אויף נום. 32805
50,000 " " " 56091
50000 " " " 67790
און פיל געווינסען צו 10000 און צו 5000 און נאָך פיל בעדייטענדע געווינסען.
און אויך ביי די 43-טע לאָטעריע איז ארויס ביי די דריטע קלאַס 2000 זל.
און ביי די 4-ער קלאַס 10,000 זל, און 5,000 זל. און נאָך איניגע געווינסלעך
דעריבער פערזוימט נישט דען ביים פאַריגען מאָל האָט מיר אויסגעפעלט לאָסען.

בעקאַנטמאַכונג

מיר מאַכען דערמיט בעקאַנט די יודישע בעפעלקערונג אין ראַדאָם אַז דער הכשר פאַר די קאָנצעסיאָנירטע ריטועלע יאַטקעס אויפ'ן חודש אדר, איז פון

ראַזען קאַליר

כשר פלייש פאָדערט ביים קצב ער זאָל אייך ווייזען דעם הכשר. אין די יאַטקע וואו קיין הכשר געפינט זיך נישט, טאָר מען קיין פלייש נישט קויפען.

מחזיקי הדת ועד הכשרות
אין ראַדאָם

בעקאַנטמאַכונג

אויפ'ן סמך פון אַרט. 13 פון די פערפליכטענדע פאַרשריפטען וועגען די יודישע רעליגיעזע קהלות (דז. אוסטאַוו נום. 52 פּאָז 500 פון 1928 יאָהר) ווערט בעקאַנט געמאַכט, אַז דער בודזשעט און די ליסטע פון קהלה שטייער (עטאַט) פאַר'ן יאָהר 1939 וועלען ארויסגעלעגט ווערען צום דורכזעהן פאַר די קהלה-מיטגלידער במשך 8 טעג ד. ה. פון 19 ביז'ן 26 לוטי ל. י. איינשליסליך אין דער קהלה - קאַנצעלאַריע (זשעראָמסקי 9) פון 9 ביז 2 בייטאָג.

צייטווייליגע פערוואַלטונג פון דער יוד. קהלה
אין ראַדאָם

OBWIESZCZENIE

Zgodnie z art. 13 przepisów o organizacji gmin wyzn. żydów. (Dz. Ust. № 52 poz. 500 z r. 1928)

podaje do wiadomości

że budżiet i lista składek Gminy za rok 1939 wyłożone będą do wglądu dla członków Gminy w ciągu 8-iu dni t. j.

od 19 do 26 lutego b. r. włącznie

W kancelarji Gminy (Zeromskiego 9)
od 9-ej do 2e-j po poł.

Tymcz. Zarząd Gminy Wyzn. Zyd,
w Radomiu

אבטיילונג פאַר אַסטראָוויעץ, אָפּאַטאָוו, וויערזשבניק

כוליגאַנעריע

דורך אונבעקאַנטע כוליגאַנעס זענען צושלאָגען געוואָרען אין מיטען גאַס 2 יודען: י. לעבגאָן און אברהמ'לע פּאָטשטער.

די כוליגאַנעס האָבען זיך געוואָרפען אויף די דורכגעהענדע יודען און זיי וועהטאָגליך צושלאָגען. ערשט אויף די אויפגעהויבענע געוואַלטען פון די בעפאַלענע זענען אַנגעלאָפען מענשען און די כוליגאַנעס האָבען אָבגעלאָזט די בעפאַלענע און — אַנטלאָפען.

בעריכט פון קהלה-פראָנט
ראַפּאָרטען, פליאַטקעס און נייעסטען.

ווי מען אינפאָרמירט אייער מיטאַרבייטער, דאַרף אין די נעכסטע טעג בעטראַכט ווערען דער פּראָצעס געגען היגען אַדוו. צייזעל, וועלכען די גמינע וואָרפט פאַר פערשידענע געזעץ-איבערשרייטונגען, קהלה-בעליידיגונגען א.ד.ג.

דער פּראָצעס האָט אַנ'ענגען בונד מיט די פאַרגעקומענע פאָרפאַלען אין די קהלה, וועגען וועלכע מיר האָבען זיינער צייט גענוי בעריכטעט.

דער ה' צייזעל האָט דאַן לויט די בעשולדיגונג מצד די קהלה געשפּילט די ראָליע פון אַ אַסטראָוועצער גהאַנדי און האָט פּראָפּאַגירט די לאָזונג פון נאַן קאָאָפּעריישאָן (נישט מישען זיך מיט די היינטיגע קהלה לייט.

דער ה' צייזעל פון זיין זייט שווייגט אויך נישט און האָט אריינגעטראָגען אַנ'אַנקלאַגע געגען די קהלה-לייט, ווי אויך געגען פּערסאָנאַל, בעשולדיגענדיג זיי אין נקמה פאַר זיין געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט.

לויט די בעשולדיגונג פון ה' צייזעל דאַרפען בעקומען אומזיסטע (תפיסה) קעסט די גמינע-לייט צוזאַמען מיט'ן טעטיגען קהלה-פּערסאָנאַל מיט'ן קהלה-סעקרעטאַר ה' בייגעלמאַן אין דער שפּיץ.

מצד די קהלה טרעט ארויס דער אָרטיגער בעקאַנטער אַדוואָקאַט איגנאַטאָווסקי.

סענסאַציאָנעלער פּראָצעס

מיט אַ צייט צוריק האָבען מיר שוין בעריכטעט וועגען אַרעסט פון דער היגער יודישע אַקושערין ברעסלער, וועלכע ווערט בעשולדיגט אין דורכפיהרען אַ קינסטליכען אַבאָרט ביי דער יודישער פרוי ז. פעראורזאַכענדיג איהר דעם טויט.

דער טראַגישער פּלאָנטער אַרום דער פערשטאָרבענער מוטער, וועלכע האָט פער'יתום'ט 5 קליינע קינדער האָט ארויסגערופען גרויס מיטלייד ביי דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

ביז איצט איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט די אמת'ע אורזאַך פון טראַגישען טויט, צי עס איז געוועזען אַ בלויזער צופאַל, צי טראָגט דאָ די שולד די אַרעסטירטע.

די אַקושערין ווערט פערטיידיגט דורך דעם ראַדאָמער אַדוואָקאַט לינדענמאַן.

ביז'ן פערענדיגען מיין קאָרעספּאָנדענץ איז נאָך נישט דאָ קיין אורטייל.

וועגען אורטייל וועל איך בעזונדער מעלדען.

פון רעדאַקציע

דער בריעף פון „מזרחי“ האָט נישט געקענט אריין אין היינטיגען נומער צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ. דער בריעף וועט קומען די צווייטע וואָך. רעד.

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
kuchenki, żelazka
grzejniki do rurek
poduszki i inne
Do nabycia na dogodnych warunkach w
Radomskim Towarzystwie
Elektrycznym Sp. Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53

Kino ADRIA
שבת דעם 18
זונטאָג דעם 19
פריהמאָרגען - פילמען
א. נ.
„TYRAN“

Kino ADRIA Do niedzieli dnia 19 lutego włączn.
Polski dramat filmowy
»RENA«
w rol. gł. Engelówna, Niemirzanka, Stępowski, Cybulski, Sielański, Węgrzyn

Od poniedziałku dnia 20 lutego rb.
Epokowy film z życia twórcy Kanału Suezkiego p. t.
„SUEZ“
W rol. gł. Annabella, Loretta Young, Tyrone Power

אַבאָנאַמענטס פּרייז:
פאַר אַ חודש אין פּוילען זלאָט
אין פראַנקריך, בעלגיען 4 פראַנק
אין אַנדערע לענדער 30 סענט.

1-szai ostatnia strona
liczą 10 szpalt

TARYFA OGŁ.:
Na 1-szej stronie mm 1 szp. 40 gr.
w tekście mm 1 szp. 60 gr.
na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr.

Redaktor CH. M. HERC
tel. 15-18 .טעל
Wydawnictwo „Radomer Kielcer Leben“ Szwarlikowska 20